STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02925

# YIDISH

Abraham Nahum Stencl

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# צווייטער טייל

# דאס געפארעמטע ווארט

# דאָס געפּאַרעמטע וואָרט

## 1

קודם־כל איבערן כוח פון וואָרט בכלל: דער מכשף באַשווערט מיט אַ שפּרוך, דער הייליקער שפּרעכט־אָפּ און טוט ווונדער, און וואָס דער זעער, דער נביא זאָגט ווערט מקוים.

און דאָס מלחמה־ליד וועקט עס נישט צום קאַמף? דער פרייהייטס־מאַרש מאַכט ער נישט ריטמישער און שנעלער דעם טראָט?

ווערטער ווערן געבוירן און זיינען פּאַרמולעס, מ'דערלעבט זיי און זיי זיינען פאַראַלן, ווי מיט אויפפלאַקערנדיקע פייער־צונגען כאַפּן זיי אַרום גאַנצע מענטשן־מחנות; מיט „שמע־ישראל" אויף די ליפּן גייען אויף אין די פלאַמען פול־געפּאַקטע שולן און בתי־מדרשים; מיטן אויסגעשריי „פרייהייט, גערעכטיקייט, ברידערליכקייט" ווערן צענומען די באַסטיליעס, אַ שטיין אויף אַ שטיין.

מ'מוז נאָר וויסן דאָס באַשטימטע וואָרט „שטיין, שטיין עפן דיך"! און דער פעלדזן־שטיין איבער דער אונטער־ערדישע הייל עפנט זיך אויף און מ'געפינט דעם פאַרבאָרגענעם אוצר, און מ'געפינט דאָס קוואַלעדיקע וואַסערל, פון וועלכן מ'לעבט אייביק.

און אומגעקערט, זיינען ווידער אַזעלכע גיפטיקע, רציחהשע ווערטער פאַרהאַנען, וואָס העצן די מענטשן אויף, איינעם אויפן אַנדערן, ווי טשאַטעס צערייצטע הינט מיט אַרויסגעשטשירעטע סלינעדיקע ציינער.

שוין די ערשטע פּסוקים פון דער ביבל זיינען פול מיט שאַפנדיקן וואָרט, מיטן וואָרט וואָס באַשאַפט: און גאָט האָט געזאָגט ס'זאָל זיין ליכטיקייט און ס'איז געוואָרן ליכט; און גאָט האָט געזאָגט די ערד זאָל זיך באַדעקן מיט גראָז און קרייטעכצער און די ערד האָט זיך באַדעקט מיט גראָז און כל־ערליי קרייטעכצער. און יענע פּאַראַפראַזירענדיקע באַרימטע קאַפּיטלעך פון דער יוחנן־אַפּאָקאַליפּסע הייבן זיך אָן: און אין אָנהייב איז געוועזן דאָס וואָרט; און דאָס וואָרט איז געוועזן ביי גאָט — און גאָט איז דאָס וואָרט!

און וואָס איז דען דער אָנהויב פון דער גריכישער טראַגעדיע, ווען נישט די ריידנדיקע באַזעסענע סיבילע, די אַלץ פאַראויסזאָגנדיקע.

און וועלכער מענטש דערפילט נישט אין זיך דאָס וואָרט אמאָל, דאָס צוויי טראַפּעדיקע, טאָפּלט־קלאַנגענדיקע, וואָס באַוועגט זיך אַזוי צאַרט און גייט אויף אַזוי פאַרליבט און קרייזט ווילד אין יעדן בלוט־טראָפּ ווי זון־אויפגיי? יאָ, יעדער מיט זיין נאָנטסטן, ווען זיי דער־שפּירן און דערהערן עס, געשעט אין זיי דאָס וווּנדער פון באַשאַפונג, פון מענטשליכער לעבעדיקער שעפערישקייט. און מיט דער וואַרעמער זיסיקייט, מיט דער טריפנדיקער זיסיקייט פון רעם איין־איינציקן וואָרט דאָס גאַנצע לעבן זייערס ווערט באַהויכט, ביז אין דער לעצטער מינוט — מ׳פילט עס נאָך אויף די שוין אַלט־איינגעפאַלענע, קאַלט־פאַרחלשטע ליפּן! און דאָס צווייטע וואָרט, פון אַן איינציקן קלאַנג באַשטייט עס, ווי מיט אַ טעמפּן האַמער איבער האַלדז און נאַקן איז עס — די גאַנצע וועלט גייט אויף איינמאָל אונטער! און דער נאָענט־סטער, ווען ער דערהערט עס, בלייבט ס׳האַרץ אין אים טויט־שטיל און פאַרגליווערט.

אין איין וואָרט איז געבוירן און טויט, די גאַנצע קאָסמישע אומ־ענדליכקייט קאָן זיין אין אים פאַרהוילן און ווי אונטער אַ הייל פאַר־באָרגן; צוויי געפּאָרטע טראָפּן, צוויי צוזאַם באַהעפטע אותיות קאָנען זיך עפענען ווי אַ צייטיקער זוימען־שויט מיט זעטיקייט, אָדער מיט גיפט, חלילה. יאָ, אַן איינציקער טאָן קאָן זיך שטעלן ווי אַ ביין אין האַלדז, אים נישט אויסצוכאָרכלען מער.

ווערטער קאָנען זיין באַשיידן און צניעותדיק ווי מאַטע פּערל און זיך ציען פון שנירל אויף שנירל, צו באַשיינען און באַחנען דורות גאַנצע; און ווי רובינען איינגעפּאַסטע אין גין־גאָלדענע קרוינען קאָ־נען זיי זיין, מיט זייערע צעשליפענע שוואַרצקייטן די פינסטערניש צו צעפינקלען, און זי באַהערשן מיטן קנאַלדיקן בלענד פון זייערע שטראַלן־בייטשן.

אָבער רייד קאָן אויך ווערן אָפּגענוצט ווי אַלטע קליידער, מאָל־צעפרעסענע, אָפּגעבלאַנקעוועטע, פון צופיל זון. ווערטער קאָנען ווערן ליידיק ווי אויסגעטרוקנטע קוואַלן — יאָ, מ׳קאָן זיך אָנשכורן מיט אַ וואָרט און דערנאָך בלייבט עס שטיין ווי אַ ליידיקע פלאַש און מ׳גלאָצט דעראויף מבושימדיק און מ׳ווייסט אפילו נישט מער, וואָס דאָס איז אַזוינס. ווערטער קאָנען ווערן אויסגעזויגן און אויסגענוצט ווי לעבע־דיקע מענטשן און זיי ווערן פאַרביטערט און פאַרביסן און אָנגעפּולט מיט שנאה —

ליבע און טויט — — — טיף און עכט דערפילט, איז דען פאַר־האַן אַ גרעסערער כוח ווי אין זיי? אַלע אונזערע מענטשליכע און איבערמענטשליכע כוחות שעפּן מיר דאָך פון זיי! און וואָס זיינען דען אַלע מענטשליכע שאַפונגען ביזן היינטיקן טאָג, ווען נישט די געפּאָרמטע ווערטער: ליבע און טויט!

וואָס איז דאָס ליבליכסטע ליד פון אַלע לידער, „שיר השירים" און דאָס טראַגיש גורלדיקע פון „איוב"? וואָס איז „קעניג עדיפוס" און „קעניג ליר", דער „אידיאָט" און „מאַדאַם באָוואַרי", ווען נישט געפאָרמט וואָרט: ליבע און טויט? וואָס איז דער הייליקער אויפברויז פון נביא עמוס און דער עסטעטיש געשטילטער פערז פון א באָדלער? און וואָס איז דאָס יאָמערליכע געוויין פון גאָניקל אראָפּ, צו דער גאָל־ז׳ענער פּאָווע אין הימעל אַרויף, אינם יידישן פאָלקס־ליד:

„זאַמלט אייך צענויף אַלע איר מיידלעך

און ווער ס׳האָט א ליבע געפירט,

זאָל מיר העלפן באַוויינען".

וויאַזוי באַשווערט מען א שלאַנג? מ׳שלעפערט זי איין מיטן ריטם פונם מאַנאָטאָנעם קלאַנג. וויאַזוי טוליעט מען דאָס שעפעלע צו זיך? מיט זיין אייגענעם „מע־מע"! אַזוי אויך דאָס שלאַנגיקע אינם מענטש, אַזוי אויך דאָס וואַרעמע טוליענדיקע אין מענטש.

שוין דער ריטם, סיי פון די ערשטע אָריענטאַלישע אור־פּסאַלמען, סיי פון די אָקסידענטאַלע עדאַ־רונען, דאָס איבערחזרנדיקע, דאָס תמיד פּאַרטאָפּלטע — הן דאָס פּלעטשערנדיקע, שטילע, הן דאָס ווי כוואַליע אויף כוואַליע יאָגנדיקע שטעלן צוזאַם זייער ריטם (אגב: אפשר איז דאָס דער גרונד־חילוק צווישן דיביידע, דעם אָריענטאַלישן און אָקסי־דענטאַלן, ביים ערשטן איז עס כמעט תמיד גֿעדאַנק פּאַרטאָפּלונג און ביים צווייטן דער טאָן — דער גראַם.) און ווי האָט עס געמאַכט דער מכשף און דער באַשווערער? וואָס איז דען זייער אַרומקרייזן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, זייער וויגנדיק שאָקלען אַהין און אַהער, כסדר אָנאָויפ־הער? און דער לאַמע אין זיין שטילער תפילה, דער ייד אין זיין דאַווענען. און דאָס קאַטוילישע אָנצאָליקע אָפּציילן פון די שוואַרצע קרעלן זיינען דען עפּעס אַנדערש? און דאָס אָפּציילן צו מזומן און צו מנין... דאָס ווען זיך קינדלעך פּאַרשפּילן, דאָס האַרץ פאַרהילן אין מאַמעדיקסטן וואָרט, דאָס איז געבעט. און מיר ציילן זיך פריער אָפּ ווי די קינדער טוען עס איידער זיי הייבן אָן זייער שפּיל:

„ע—נע, מע—נע,
ראָנ—גע, פּע—נע,
שנאַ—בע, טאַ—בע,
טי—בע, טאַ—בע",
א. א. וו. א. א. וו.

ווערטער אָן באַדייט, אָן פּאַרטייטש — ס׳איז א גלייך־קלאַנג, אַזאַ טאָן, וואָס בייטשט אויף צום לויף, צום געקרייז, צום ווילדן קינצליכן שפּיל.

שוין דער פּשוטער גראַם, וועלכער ציט זיך פון אַלע צייטן ביזן

היינטיקן טאָג, אין דער פּאָעזיע, איז דאָך דער בעסטער באַווייז, ווי די עמאָציעס דריקן זיך אויס אינם גלייכקלאַנג; נישט נאָר דער זעל־בער קאָנזאָנאַנטן־קלאַנג איבערחזרט זיך, נאָר פּונקט ווי די צווייטע, אפשר אַנדערש צעשפּיגלטע, פאַלנדיקע כוואַליע איז מיטן זעלבן וואַ־סער און מיטן זעלבן קוואַנטום אָנגעפולט, אַזוי איז דער צווייטער גראַם, ווען ער איז עכט און ערלעך דערפילט און געפאָרמט, געפילט מיט דער זעלבער אָנהאַלטנדיקער עמאָציע, אפילו ווען ער טראָגט אין זיך אַן אַנדער וואָרט־בילד —

אין אָריענט, למשל, אין דער גליאיקער זוניקייט, ווו דער שלינג־וואַסער איז דער לעבן־סימבאָל פאַרן פאַרדאַרשטיקטן זיך ראַטעווענ־דיקן מענטש, גראַמט עס זיך טאַקע, ביי אונז, „מיים" מיט „חיים"— דאָס ערשטע ווי דאָס צווייטע וואָרט זיינען געזעטיקט און אָנגעפולט מיט דער זעלבער עמאָציע, מיט דער זעלבער בענקעניש, זיי האָבן אין זיך ביידע דעם זעלבן פּסיכיש־רעפלעקטיוון באַדייט און פאַרטייטש; און איצט אין אָקסיצענט, אין דער אייראָפּעאישער קלימאַטישער אַטמאָספערע גראַמט עס זיך מיט רעכט: ברויט מיט טויט! מ׳קאָן, באמת, נישט נאָכגיין אַזוי ווייט אויף צוריק ביז צו דער באַשאַפונג פון די מענטשליכע אור־ווערטער, אָבער פון דער דורות לאַנגער און ירושהדיקער קינסטלערישער וואָרט פאָרמונג קאָן מען דאָך ציען, ווען נישט פועל־יוצאת, איז דאָך כאָטש, לכל־הפחות, השערות.

און איצט שוין צוקומנדיק צום עצם ענין: צום שעפערישן קונסט־לערישן וואָרט, האָבן מיר דאָך שוין, ווען נישט אַ זיכערן, איז כאָטש אַ רעאַלערן צוגאַנג; מיר דערלעבן עס דאָך ביזן היינטיקן טאָג, אין אונזערע צייטן געשעט עס דאָך נאָך, דאָס וווּנדער פונם געשאַפענעם וואָרט.

זיכער מיט די דערפאַרונגען און ענדערונגען, מיט די כסדר זיך איבעריאָגנדיקע געשעענישן, — יאָ, פונם איצטיקן טעמפּאָ פונם פּראָ־דוצירן דאָס לעבן־נויטווענדיקע וואַסער און ברויט! ענדערט זיך ממילא אויך, אין זיין נייער אַטמאָספערע, דער ריטם פונם געשאַפענעם וואָרט; דער רעלאַטיווער חילוק פונם פעדאַלן ליבליכן פאָלקס־ליד צו די ברויזנדיקע אַרבעטער כאָרן פון איצט, איז דער זעלבער אונטערשיד, ווי פונם שאַרנדיקן שורנדיקן וועב־שטול מיטן אונטערטעניקן וועבער, פאַרהונגערט און פאַרביסן, מיטן זשומענדיקן זמרל הינטער אים, צי די, מיט טויזנטער אַרבעטער געפולטע פאַבריקן, אויף מיליאָנען וואָלט־גראַד גייענדיקע מאָטאָרן און סירענעס, און דעם קאָלעקטיוון ראַדיאָ־הילכער איבער זייערע פאַרטומלטע קעפּ... אָבער פונקט ווי דער עלעקטרישער מאַשין־האַמער איז אין תוך גענומען נישט מער, נאָר אַ נולן־געבפלטער הייבן און פאַלן פונם ערשטן געשאַפענעם האַמער, אַזוי

איז עס אויך נישט אַ סך אַנדערש מיטן איצטיקן קאָמפּליצירטן דיכטערישן וואָרט.

## 2

געפאָרמט קונסטלעריש וואָרט הייסט, אַז דאָס וואָרט גופא הייבט אָן צו לעבן, ס'באַוועגט זיך אַרום זיך, ס'באַקומט זיין אייגענע קריי־זנדיקע קאַוזאַלקייט, זיין אינערליכע סיבה ומסובב — ס'האָט נישט מער מיט אונז צו טון, נישט מער אָפּהענגיק און אָפּהענטיק אין אונז! אַקייגנאַיבער שטייט עס, לעבעדיק־עלאַסטיש, שלאַנק און באַוועגלעך; ווי אין אַ געשליפענעם שפּיגל, ווי אין אַ שפּילנדיק קוועלכל שפּיגלט עס זיך אָפּ, דורכזיכטיק און לויטער, מיט זיין אייגענעם טראָט און זיין גוטסקייט, זיין בענקעניש און אפילו מיט זיין פאַרביסנקייט.

וויאַזוי דאָס געשעט? וויאַזוי געשעט דען אַלצדינג, וואָס מיר פאַרשטייען נישט! האָבן מיר דען פריער געוווסט, (איידער ס'איז ענטדעקט געוואָרן) אַז די וועלן פון אַ איינציקן וואָקאַל גייען נאָך שנעלער, מיט זייער צופּלוס און אָפּפּלוס ווי די כוואַלעס פונם ברויזנ־דיקן אָצעאַן, און רינגלען דעם גאַנצן ערד־קיילעך אַרום נאָך אייליקער ווי אַ בליץ און נישט ווייניקער פיזישער ווירקונגען ווי אינם ים; האָבן מיר דען דאָס געוווסט איידער מיר האָבן די גענויע פאָרמולע דערפאַר געהאַט? און זיינען די נאַטור־כוחות און אונזערע דערפאַרונגען נישט ערשט לעבעדיק געוואָרן פאַר אונז, דורך דעם געפונענעם פאָרמול־וואָרט?

די ענטדעקטע פאָרמול פאַר קונסטלערישן געפאָרמטן וואָרט איז דאָס אומאויפהערליכע קינדליכע געפּלאַפּל: „מאַ־מאַ“ „טאַ־טאַ“! די ריטמישע כסדרקייט, די אומדערמידליכע איבערחזרונג, וואָס דרינגט אין דער טיפסטער אינערליכקייט, די ניואַנסירנדיקע פאַרענדערונגען אויף דער טאָן־סקאַלע צווישן לאַכן און וויינען: „פּאַפּאַ“ „מאַ־מאַ“, רייסט ביים מענליכסטן, ווען ער דערהערט עס צום ערשטן מאָל, צום טויזנטסטן מאָל, טרערן פון די אויגן אַרויס, פריידיקע טרערן און דער־באַרעמדיקע — אָט דאָס ערשטע דערלעבטע וואָרט. דאָס ערשטע ריטמיש געפאָרמטע וואָרט: „פּאַפּאַ“ „מאַמאַ“ איז די פאָרמול פאַרן שאַפנדיקן קונסטלערישן וואָרט. און איז טאַטע־פאָטער נישט דער זעלבער באַדייט ווי גאָט?

און ווען וואָרט פאַרלירט נישט זיין עכטקייט, זיין אייגענע לעבעדיקייט, ווען וואָרט באַהאַלט זיין פלאַפלדיק־שטאַמלדיקן, זיין קינדלעך־תמימותדיקן ריטם פאַפאָלגט עס ווי יענער זיסער קלאַנג, ווי דער טאָן פון אַ זילבערן פאַרגילדיקטע מעלאָדיע; עס פלאָנטערט זיך, עס פאַרוויקלט זיך אַרום האַרץ; ווי אַ שניי־באַלעם וויקלט עס זיך גרויס אויף אין דער קלאָרער אומענדליכקייט מיט אַלע אונזערע גע־

דאנקן און ווי יענע בליטן־בלעטלעך פון דער פרישער קנאספע ארויס, מיט אלע אונזערע געפילן.

דער אמתער און עכטער דיכטער, דער פאעט ווי דער עפיקער, דריוולט זיך ארויס מיט זיין פאעמע, צי מיט זיין נאוועלע, ממש, מיט איין אין אים זיך פלאנטערנדיקן ווארט; ווי אן אראפגעפאלענער פארקייקלטער קנויל, וואס פארלירט זיך אין טונקלניש. אזוי וויקלט זיך דאס ווארט ארויס פון זיינע אייגענע פארלוירענע טונקלענישן; זיי פארשטייען ביידע נישט, דער פאעט ווי דער פראזאאיקער, ווען דאס עכטע קונסט־ווערק איז פערטיק, ווי אזוי האנדלונג איז דא דערין, סיפור המעשה, אנהייב און ענד — זיי שטייען ביידע קינדלעך פאר־וואונדערטע פאר דער מיסטעריע לעבן, ווי ביי דער לעבעדיקער אין־סופיקייט וואס צווישן געבוירן און טויט.

א שוואכער זכרון־אהנונג, אומהויכט פון א צעמישטער דערמאַ־נונג, פון א טעם, פון א קאליר איז ווי א שטילער טאן פון א פארגע־סענער מעלאדיע, ווי א דערשראקענער אויסגעשריי אינמיטן א שטאק־פינסטערער נאכט. דער גאנצער איך ווערט אויפגעלעזטע מאטעריע, דער גאנצער ארום לייזיקער פארעם. און דאס פערטיק געווארענע קונסט־ווערק איז בלוט־גליווער פונם אויפגעקאכטן בלוט, מארך־ציטער פונם אויפגעשוידערטן מארך, און ס'האט די קאנקאווע פארעם פונם גאנצן בולטן ארום; מ'דערקענט מיליע שטריכן, סביבה קאנטורן, מ'אטעמט אטמאספערע —

דער אונטערשיד פונם ליריקער ביז צום עפיקער איז אין תוך־געגומען גארנישט אזא ווייטער מהלך: פארן ליריקער איז אלץ וואס פארעם שטיינערנע וואנט! און מיט קאפ דורך וואנט גייט ער!! און זיינע אקארשט־באקומענע ביילן, ווערן ווידער צוריק אויסגעהיילט אין איר, אין אט דער שטיינערנער וואנט — ער גופא, צומאל, ווערט שוין מאטעריע פאר נייער פארעם! — זיינע קינדלעך איינגעקשנטע ליפן פרעגן זיך קרענקלעך איין אין איר, און ווען ער ברעכט צוזאם אין זיין שאפונגס־געראנגעל ווערט זי זיין טויטן־מאסקע. און געלינגט עס אים, זיך אדורכצוברעכן מיט זיין וויזיע בליק, מיט זיין בענקענדיקן טרוים, איז דער הימל דעמלט איבער זיין בארוישטן צעברויזטן קאפ אזוי אומענדלעך בלוי, אין זיך אזוי פארטיפט און קלאר; ס'געטשווי־טשער פון די פייגל רוישט אין זיינע שלייפן, אין זיין שוויבער־טשופ־רינע בויען זיי זייערע נעסטער. זיין פרייד איז געוואלטיק אזוי גרויס — אלע מענטשן זי אויסצוטיילן! ווארעם ווער איז ער דען? א שטערנדל־שניי אינם אפגעקילטן ערד־באלעם, א צוויט־בליטל אין דער אויפגייענדיקער זונען־בלום. אין אלע זיינע מעטאפערם — די קרייזנ־דיקע מזלות, אין אן אויסגעשטערנטע ליכטיקע נאכט... א, און ווען די

פינסטערניש קומט איבער אים, ווען די גאַנצע וועלט ווערט אין איר חשכות איינגעהילט, איז יעדע זון אַ קראַנקער טראָפּן פון זיין פיבערדיקן בלוט־געקרייז, וואָס גייט אויף אַזוי בלוטיק־רויט, אַזוי פול מיט ווילדער שרעק איבערן גאַנצן ערד־קיילעך, אין צעצאַפּלטן האַרץ פון יעדן מינדסטן בריאהלע.

און דער עכטער עפּיקער איז אין תוך לגמרי גאָר נישט אַנדערש, ער איז נאָר אַ ביסל מער דערוואַקסענער, מענליך־אויסגעפּריוועטער, מיט דערפאַרונגען אָנגעזאַמלטער (האָט ער שוין פאַרלוירן עפּעס פון זיין קינדליכער־נאַאיוויטעט, האָט ער דערפאַר מער „גייסטעס־געגנ־וואַרט".) זיינע האַנדלונגען און פּאַבולעס זיינען נאָר וואַנט מיט וואַנט צו פאַרבינדן, אַ גאַנצע געביידע אויפצושטעלן — אָבער די ווינקלען פון זיין פאַרטראַכטן קלוגן שטערן מוזן זיין די ווינקל־שטיינער פון זיין צוזאַמגעשטעלטן בנין. דער צווייטער שטאָק מוז ווערן געטראָגן פון קאַרעאַטידן, וואָס האָבן די שלאַנקייט פון זיין אויסגעבענקטער פאַנטאַזיע, וואָס האָבן די שטריכן פון יענעם פּנים וואָס איז דער שוועב פון זיינע צילנדיקע בליקן — דער זאַץ־בוי פון אַן עכט פּראָזאַ־ווערק מוז אין זיך האָבן די עלאַסטישע ביגעוודיקייט פון דער איינגענער הויט־השדרה. דאָס־אָ איז די פערזענליכקייט פון אַ קונסט־ווערק.

און דעמלט ווען אָט דאָס געפּאַרעמטע וואָרט קומט איבער אונז, ווען מיר הערנס, ווען מיר לייענען עס ווירקט עס ווי יענץ באַשווערן איבער דער גיפטיקער שלאַנג, ווי דער כשוף־שפּרוך איבער דעם באַזעסענעם, ווי די הייליקע בענשונג פונם דערבאַרימדיקן — ס'קרייזט איבער אונז, ס'שאָקלט זיך שלאַנק און עלאַסטיש איבער אונז, ס'באַוועגט זיך כסדר מיט זיין ריטם איבער אונז, אונזער געמיט צו באַרו־איקן, אונזער נאָגנדיק האַרץ איינצושטילן. די ווערטער אין אונזער טאָג־טעגליכן פאַרמאַטערטן לעבן, לייכטע, נישט פאַרטיפטע, אויס־געליידיקטע, אויסגענוצטע, זיינען ווידער צוריק אָנגעפולט ווי גוט־געשליפענע, קריסטאַלענע, וויין־גלעזער מיט באַרוישטן געטראַנק; ווי באַטעריען מיט עלעקטריזירונג, מיט קראַפט און מיט ליכט.

שאַפנדיקער מענטש הייסט, וואָרהאַפטיק און עכט, תמימותדיק און נאַטירלעך און גלייביק דערלעבן זיינע עמאָציעס. און דאָס וואָס רייסט זיך אין אים, רייסט זיך אַרויס מיט שאַפנדיקן ווירקנדיקן וואָרט. דאָס טרוימען אין אים איז זשומענדיקער ריטם! שטאַמל־געפּלאַפּל אין זיין בלוט, אין זיין מוח, צום טויזנטסטן מאָל איינגעחזרט — אויפגע־לויכטן און ליכטיק־צעשפּיגלט! וואָס מער שליפן, אַלץ מער רעפלעקסן וואַרפן אַן אבן־טוב! וואָס לענגער געשליפן אויפן דרייענדיקן שלייף־שטיין, אַלץ מער זון־שיין נעמט ער אויף אין זיך.

אין מענטשלעך דערדריקנדיקן איינגעקלאַמערטן לעבן, אַלצדינג

זיך נוצלעך צו מאַכן, אייגננוציק אויסנוצן צו קענען; אין אונזער
פאַרשקלאַפטן אָפּהענגיק אָפּהענטיקן לעבן אַליין מיט אַריינגעשלעפּט,
צו זיך אַליין שוין פאַרשקלאַפט; אין ליידנשאַפט געהעמטע, אין אונ־
זערע „מינדערווערט„־געפילן, אָדער גאָר אין „סובלימירטע“ אייגענ־
שאַפטן ווי אין משוגעים־העמדער אָנגעטון — אָ, ווי דער טאַראַראַמ־
טער טשאַטעוועטער אַרום צעדריקט דאָס! ווי עפּעס אַ לאַפּע פון אַ
ווילדע חיה וואָלט געלעגן אויף אונזער האַלדז!! און אַז ס'רייסט זיך
אַן ערלעך עכט וואָרט דאָך אַרויס, אָן הינטער־געדאַנק, אָן כיטרישן־
דריי, אָן אייגננוץ־מיין, אַ פשוט־תמימותדיק וואָרט פון טיפער־טיפע־
ניש, פון טונקעלער פינסטערניש אַרויס, איז עס ווי אַן אָקאָרשט געבוירן
קינד, אין קלאָרע וויקעלעך אויפגעכאַפּט; ס'איז ליכטיק אויפגעבראָכן
אינם פינסטערן אַרום מיט פרישן, מיט שעפערישן לעבן. און אָט־אָ,
דער דאָזיקער שעפערישער פּראָצעס, איז אויף אַ חוץ־השערה נישט
אַנדערש געווען אין יענע אור־צייטן ווען מ'האָט די רונען־שפּרוכן מיט
שווערער מי אויף שטיינער אויסגעקריצט, פון די איצטיקע, ווען גאַנצע
בייגן־קאָלומנעס שיטן זיך מיט לייכטיקייט אַרויס פון די ליינאָ־טייפּ־
מאַשינען. און באמת דאָס איז דער חילוק נאָר פונם קאַלטן וואַסער־
טראָפּן, וואָס אַרבעט אינם שטיין, אים צוצעשטערן, צום וואָרעמ־
לעבעדיקן טריפנדיקן טראָפּ, פון האַרץ צו האַרץ אין איין גאַנצקייט אונז
אַלע צו פאַראַרבעטן, צו איין טאַטע־מאַמעדיקע ברודערליכקייט — —

3

אין דער ליבליכקייט פון דער מיטל־אייראָפּעאישער נאַטור, מיט
אויפגעהויבענעם פאַרטערטן בליק צו טוליענדיקן וואַלד און לאַש־
טשענדיקן הימל, צווישן פאַרבן שפּילנדיקע אָזשערעס און טייכן, אינם
בערגלדיקן ריטם פון סעדער און ווייַן־גערטנער האָט זיך געסטראָיעט
אונזער וויינענדיקע לירע. אָבער נישט מיט זון־שטראַלן סטרונעס איז
זי באַצויגן — געהעצט און געטריבן אין אַלע פיר זייטן, איז אונזער
ליריק אַרבע־כנפותדיק געקניפּט מיטן צער פון אונזער לעבן. אין די
שווערסטע נסיונות ביטער אויסגעפּרוווט! אָ, ווי מיר ציטערן דאָס,
ווי די קווינטע־סטרונע ביים מינדסטן באַריר — — — אין די
טונקעלע סלאַווישע וועלדער האָט עס געקלונגען ווי מיט אַ שאַרפער
שווערער האַק, ווען זי גייט צווישן די שטאַמען, ביים אויסטשעשן דעם
ספּעצעפישן עפּישן כאַראַקטער אירן. און פון די הײדאַמאַקעס פון שנת
ת"ח זיינען מיר אַרויס געלייטערטע מיט די לעצטע טראָפּן פון אונזער
בלוט, מיטן סמוטנעם בין־השמשותדיקן „גאָט פון אברהם“, מיטן קלוגן
מגידישן הלצהלע, מיטן האָפערדיקן רבישן זמרל. אונזער פּייסאַזש
אַן אויסגעקלאַפּטע הושענה, אונזער ריטם — דאָס געקלאַנג פון דער
צדקה־תציל־ממות־פּושקע! אָבער מיט אַזויפיל צעוויקלטע יריעות־

הימלען איבער גלייביקע קעפּ, הימלען פון דריי הונדערט מיט צען וועלטן פאַר יעדן ייד.

אַרויסקומענדיק אויף דער ליכטיקער וועלט, פון די איינגעבראָכענע געשפּאָלטענע געטאָ־מויערן, וואָס האָבן אונז געהאַלטן צונויפגעקוועטשט און צוזאַמענגעדריקט, וואָס האָבן פאַרעם ווי מיט גליאיקע חתימות איינגעברענט אין אונזערע פּנימער, מאַיעסטעטיש־קאָמיש, אומגעלומפּערט־הדרת־פּנימדיק — ביז אין אונזערע געהירן אריין האָבן זיך איינגעזיגלט די ברענעדיקע חתימה־אותיות! אַרויקומענדיק פון די ענגע געטאָ־מויערן, מיר וואָלטן שפּור־לאָז פאַרשווינדן, צערינען אין די אויפגעשטויבטע זאַמדן פון אונזערע יאָגנדיקע פּיס, מיט אונזער הכנעהדיקן מה־יפית־טאַנץ, ווען נישט אונזער פאַרגאָסן בלוט, דם־התמציתדיק־קרייזנדיק, וואָס האָט גליווערנדיק אויפגעצייכנט מיטן ריטם פון חסידישן ריקוד, מיטן טאַקט פונם „ברוגז־טאַנץ“... שוין די ערשטע שאָפונגען אין יידיש־דייטש און אין עברי־טייטש האָבן יידישע אייגנאַרט און פאַרמדיקן אויסדרוק; די טרערן־צעווייקטע שרה־בת־טובים־תחינות און די סענטימענטאַלע „לב טוב׳ס“ פון אונזערע עלטער־עלטער באָבעס באַווייזען עס. הונדערטער יאָרן אינערליכע ווירקונג מוז שוין האָבן אין זיך טיף־דערפילטן אויסדרוק! און דער בעל־פּה שביידיש, דער שיחות־חולין פון אונזער אידיאָם, איז עס נישט אַ טויזנט־יאָריקע עולה, אַ פאַרביטערטער קאַמף, פון זינען שוין אָראָפּצוגיין — ראַטעוועדיק זיך מיט אַ ווילדן הלצהלע! אַזאַ קראַנקס, איבער די איינגעפאַלענע באַקן, אין די לאַנג אויסגעצויגענע באָרד אַריין. און ווידער איז געוואָרן בולט אונזער נישט־אָפּגעטוישטע מטבע מיטן ישראל־סבא פון איין און דאָס מאַמעדיקע פון דער אַנדער זייט.

איינגעמויערט צווישן די מיטל־אַלטערליכע געטאָ־מויערן, לעבענס־לענגליך פאַרמשפּטע, צו ליידיקגייעריי, צו נישט קענען טון עפּעס,ביז מאַרך־שווינדזוכט, ביז מוסקל פאַרשווינד, — קוים האָט דאָס קליינע שוסטער־העמערל דעם שוואַכן טאַקט פונם דפּק אַרויסגעקלאַפּט, די שנעל־נערוועזע נאָדל איז „בכבוד גדול“ זיך ריטמיש געלאָפן, אַהין און אַהער פאַסטריגעס ציענדיק, פון האַרץ זיך אַרויס; און אינם ברונים האָט עס געקאַפּעט: טיפּ־טאָפּ, טיפּ־טאָפּ, פונם אַרויסגעצויגענעם פולן עמער? פון די פאַרבענקטע אויגן פונם שייערנדיקן דינסט־מיידל:

„אַ ליבע צו פירן איז גוט מיט אַ מענטש

אָבער נישט מיט דיר — —“

אוממענטשליך אַזוי צווישן די געטאָ־מויערן, צו פיזישער און גייסטיקער אומטעטיקייט פאַרמשפּט, האָט דער חריפישער רבנישער פּלפּול גע־אַקערט אונזערע מוחות; דורך אונזערע אויפגעריסענע אויגן האָבן זיך געריסן די בלאַנק־געשליפענע בלאַסקן. און לעבעדיקע דאָך אַרויסגע־

קומען פון די געטאָס, זיינען מיר ווי נישט איז דאָך לעבנס־פּעאיק געבליבן מיט געשאַרפטע חושים, מיט געשליפענע ווילנס — פון איין שטאַנדפּונקט, וויניקסטנס, האָבן מיר ווידער געקאָנט גייסטיק אָנ־הייבן! פון יעדן בויג און קנייטש אונזערן האָט די שאַרפזיניקייט אַרויסגעלויכטן, אַרויסגעשאָטנט... איין דריי מיטן גראָבן פינגער און אַלצדינג איז אין איין כהרף־עין באַגריפן! אַלצדינג אָנגעוואָנדן!!

אָבער, אַז ס'איז נאָר פאַרהאַנען אַן אויסגאַנגס־פּונקט, אַ מיטל־פּונקט, איז עס ווי די אַראָפּגעפאַלענע, זיך אוועקקייקלדיקע קנויל־וואָל, פון דער איינגעדרימלטער באָבעשי שוים, מ'מוז נאָר נאָכגיין דעם זיך דריוולדיקן פאָדעם־דרים און אים אויפוויקלען אַזוי אויף די אויסגע־שפּרייטע צוויי הענט. אָ, וויפיל „פעלדער" האָבן מיר דאָס געמוזט מעסטן, וויפיל „קנייטלעך שטעלן" פון דעם דרים־פאָדעם, אויפגעוויקלט אויף אונזערע שוואַכע הענט, ביז מ'האָט אים צונויפגעפלאָכטן אין פעסטע פאַסטראָנקעס־שטריק, אונזערע צוריקבאַקומענע מוסקל־אָרעמס צו קאָנען שפּאַנען אין דער „סאָכע" „מיט מזל ברכה".

פּרצ'ן, דעם אויסשטודירטן עלוי, וואָס האָט נאָך זיינע ליבעס־בריוו געשריבן אין פּויליש און אין דייטש, דער לעצטער אויסגייער פון די השכלה־שירים צו דער הימלישער מלכה, דער אָנהייבער פון אונזער געפאָרמטע ליריק, האָט זיין מהרש"ל און מהרש"א־קאָפּ ריטער־ליך אַראָפּגעבויגן צו דער „שפחה", זיך פאַרקנסנדיק צו איר,— ווי איז אים נאָך שווער אָנגעקומען „יידיש פאַר יידן צו זינגען", „די פרעמדע רויז" האָט אים נאָך „געשטאָכן אין דער שוים" — וויפיל ליבעס־ביוולעך מוז דאָס אַ גאָלדענע פּאַווע אַראָפּוואַרפן, אַז מ'זאָל קאָנען שרייבן דאָס ערשטע געפאָרמטע יידישע ליבע־ליד.

יידישע פּראָזע קאָן מען נאָך פאַרמען פון טונעיאַדעוועקער און קאַסריליוועקער בלאָטעס — טויזנט־יאָריק מוטנע אָפּגעשטאַנענע לעבן, אַז ס'געפונט קיין אויסוועג נישט, וויל עס זיך באַטש סמוטנע צעקוואַ־קען, מיט גלגולים־פאַרכשופטע בין־השמשותן... אָבער דער פויגל־פעניקס מוז שוין אַרויס פון טויזנט־יאָריקע פלאַמען זון־אויפגענג און זון־אונטערגענג ברענענדיק, אין אים גופא! דאָס אייביקע קרייזן אין אים מיט צעפלאָטערטן הארצן! דאָס געפאָרעמטע ליבע־ליד פון אַ פאָלק, — דאָס ליבליכע פאָלקס־ליד גייסטיק און לעבעדיק אין זיך אויסגעטראָגן! — איז דער באַווייז פון דור־דורותדיק לעבן טראָגנדיק אין זיך. און דער אַלץ שווערער און שווערער געוואָרענער קוזשנע־האַמער אין די מאָזאָלעס־הענט מיט זיין פונקן־געשפּריץ אין די ליט־ווישע און פּוילישע שטעטלעך איז דער נייער האַרצקלאַפּנדיקער טאַקט פון אונזער ליריק.

אין דער היימישקייט פון דער מזרח־אייראָפּעאישער נאַטור האָבן

זיך אונזערע פולע הערצער אויפגעעפנט ווי די בלאַסע טולפּן, ווען זיי דערשפּירן די לויע וואַרעמקייט, ווי די סמוטנע סאָסנע ביימער אין דער גליאיקער זון, ווען זיי פלאַצנאויף און זיי געבן זייער זשיוויעצע... די ווערטער פון אַ בעוולט געפּלאָגט פאָלק, אָנגעזאַפּט מיט מאַטערניש, מיט בענקעניש, מיט אויסדויער, עס וואָלט מיט טרערן צערינען אין לעצטע תפלה, אין אַן אל־מלא־רחמים פאַרן אָפענעם אָרון־קודש, אין אַ פאַרשטויבטן סידור פון נוסח אשכנז, אָדער ספרד — האָט דאָך נאָך איינער פון אונזערע נייע פּאָעטן, דער יונג פאַרליבטער דוד איינהאָרן, מורא געהאַט, אַז ער וועט זיין אַ „לעצטער בעל־שחרית"... וואָס איז דער אויסגעפאָרעמטער נוסח פון אונזערע קלאַסיקער, ווען נישט דאָס איינרייסנדיקע געבעט פון אונזערע דיכטער —— איז די גאַנצע וועלט נישט אַן אָפענער אָרון־קודש תפילה צו טוען? דאָס קענען נאָך אָפּ־שרייען אַ טויטן מיט ווערטער! איז די גאַנצע מענטשהייט נישט אַזאַ שכיב־מרע, שוין אויפן טויטן־בעט? און אָנשטאָט דעם שוין אויס־צאַנקדיקן נר־תמיד צינדט זיך אַ פריש פייער „אויפן פריפּעטשיק", אין אין יעדער האָראָפּאַשנער שטוב.

מ'מוז שוין האָבן איינגעזעסנקייט פון דורות אין זיך, אַז מיליע־שילדערונג פון אַ יידישליכער שטוב זאָל ווערן דיכטערישער אַטמאָספע־רע, מוזן די טיכלע ווענט שוין זיין אָנגעזאַפּט מיטן סאָק פון עלטער־זיידנס לילקע ציבעק; דאָס געוירשנטע שטובל מוז שוין זיין צעשמעקט מיטן טאַבעק־שקעטעלע, מיט די באַצוקערטע מאַנדלען, פון די באַבעס גרויסן קופערט ארויס, פאַר די צו גאַסט אַריינלויפנדיקע צעפּלאַפּלטע אייניקלעך און אור־אור אייניקלעך. און געפינענדיק דאָרט אינם פינס־טערן ווינקל דעם בעזעם, איז אַ שטיק פון זיין לאַנגען שטעקן אָפּגע־בראָכן און אַ „נס־גדול־היה־שם" פאָרעם אין אים אויסגעקריצט. און די אַרויסגעקומענע „דריידערלעך", די געגאָסענע, ווי זיי דרייען זיך דאָס, שמונה־עשרהדיק שטיל, האַזאַרדיש ווילד, אַלצדינג אויסצונעמען ס'טעלערל פון הימל אַראָפּצונעמען און ס'ביסל אָפּגעשפּילטע מטבעות צו געבן אַ צעשיט אַזוי איבערן גאַנצן טיש —— און איז פרוג נישט אַזאַ צוגאַסט אַריינלויפנדיק צעפּלאַפּלט אייניקל, און איז יהואש דען עפּעס אַנדערש? און די אַלע באַטשופּרינעטע און צעבראַסטעטע און ווילד אָנגעלאָפענע פון אַלע זייטן, און שטיל אַריינקומענדיקע מיט גרויס דרך ארץ, אַוועקשטעלנדיק זיך ביי דער טיר און צוקומענדיק אַליץ גענטער און נענטער — — — אָ, ווי ס'אַרבעט דאָס אין זיי, ווי אין פריש־שוימענדיקן וויין וואָס האַלט זיך ביים אָפּשוימען; ווי זיי צעפונקלען דאָס און ווערן ווידער פאַרמאָנטעט! און ווי ס'קרייזט דאָס און דרייט זיך דאָס ניי־דערלעבטע און זיך־פאָרעמדיקע איינער אין אַנדערן, איינער איבערן אַנדערן, אין תהומיש־אינערליכן אויפצי־טערן, שווינדלדיק־גילווערדיקן אויפשווידערן, ווי יענע פון קינדער געבייטשטע דריידערלעך אין פרילינג אין אַלע זון־באַגאָסענע גאַסן.

און ווערן אונזערע איינגעזעסענע, גרונדגעפעסטיקטע שטעטלעך, יענע סאָסנע־האָלצערנע פּאָרמען, אין וועלכע מיר האָבן זיך אַזוי זידיק און גליאיק מיטן גאַנצן פייער פון אונזער לעבן אין זיי אַריינגעגאָסן, איצט צעשפּאָלטן און אויפגעריסן — — — אונזער דיכטונג האָט אור־אור אייניקלעך, וואָס דער גלי פון זייערע הערצער און געהירן גיסן זיך שוין אין בעטאָן און אין צעמענט פּאָרמען! ראָזענפעלד און ווינ־טשעווסקי, באָווישאָווער און עדעלשטאַט פעסטגעמויערט שטייען זיי, „הימל־קראַצערס“ אַזעלכע דעם ווילדער רויש פון מאַשינען אין זייער בלוט, ראָד־אין רעדל אויף טויזנט רעדער איז צערעדערט זייער קאָפּ, אויף מיליאָנען שרויפן זיינען צעשרויפט זייערע נערוון, ביז משוגע צו ווערן! און דער עלעקטרישער האַמער גייט איבער זיי ביז דער גאַנצער כדור־הארץ ווערט אויפגעבראָכן, פּונקט ווי אַן ערדענע פּאָרעם, וואָס פּלאַצט אויף, ווען דער אַריינגעגאָסענער מעטאַל ווערט אָפּגעקילט און דאָס זיך שאַפנדיקע אויסגעפערטיקט.

אונזער יידישע דיכטונג, אונזער טריפנדיק לעבן, וואָס הערט אַלץ נישט אויף צו זידן! מיט אונזערע נייע, די סאָוויעטישע פון איין זייט און די אַמעריקאַנישע פון דער אַנדערער, איז שוין מער ווי בלויז פּויליש־אוקריינישער סמוטנער הימל, ווי סענטימענטאַלע דלד־אמות־דיקייט — — און ווי סכנותדיק־ענג און ווי אכזריותדיק ס'זאָל איצט נישט זיין אַרום אונזערע בלוטיק צעטומלטע קעפּ, ס'איז נישט די געגאָסענע טויטן־מאַסקע — ס'איז דער יאַנוס־קאָפּ פון אונזער מאָדערנער ליריק און עפּיק! יעדער ווייאיקער שטריך פון אונזער אויסגעצערטן פּנים, יעדעס איינגעפאַלענע קנייטשל אַרום די פאַרביסענע־צעביסענע ליפּן, דאָס אויסגעצירקלטע קלוגע אַרום די שלייפן — מיט אינערליכן גליווער־ציטער דערפילט און מיטן גאַנצן שוידערליכן אַרום היילן זיך די איינגעפליישטע שראַמען און די ביילן אונטער די פאַלטן פון אונזער פאַרטראַכטן שטערן. אונזער געפאָרעמט וואָרט און דער ריטם דערפון — דער אויפציטערדיקער גליווער פון אונזער טריפנדיקן און זיך פאָרמענדיקן לעבן. יאָ, אַזוי גייט פאָר דער פּראָצעס אין דער מאַטעריע, אין דער שאַפנדיקער נאַטור, — דער צעשטערונגס עלעמענט אינם מאָמענט פון זיין זיך אויפלעזונג, צו נייער געשטאַלטונג, לאָזט איבער נאָך זיך, אַ מין סובסטאַנץ פון גרעסטער פּאָטענציעזקייט, — פּונקט אַזוי געשעעט עס אויך אינם מענטשליכן שאַפן: דאָס זיך פאָרעמדיקע וואָרט איז דער היילנדיקער לייכטנדיקער ראַדיום־עלעמענט, וואָס שאַפט זיך ביי פעלקער אינם מאָמענט פון זייער בלוטיקן צעטריפט ווערן, פון זייער זיך אויפלעזונג צו נייער געשטאַלטונג — ס'איז דער סובסטאַנץ פון גרעסטער פּאָטענציעזקייט, פון זייער היילנדיקער ליכטיקייט פאַר אַלע מענטשן.

# איבער ליריק

## 1

עס גייט אין דעם צו געפינען אינ׳ם לעבן מער רעאַליטעט, מער ווירקליכקייט — דעם אַרום־זיך, דעם דרויסן, מיט אונזערע פינף חושים אונז נאָענט צו מאַכן; דורך אַ רמז׳דיקן בליק מיט דער זון, מיט די שטערן, מיט׳ן האָריזאָנט, זיך דורכצווינקן, ווי מיט אייגענע. און נישט צו פאַרלירן זיך אין דער אין־סוף׳יקער אונענדליכקייט. עס גייט אין דעם צו ווערן ווירקליך און רעאַל — דור־דורות׳דיקע ערפאַרונגען צו לאָזן אויפשטראַלען מיט אַן איינציקן ליפּן־באַוועג און אונזערע אייגנשאַפטן און ליידנשאַפטן צו קענען דרעסירן ווי קליינע חיה׳לאַך; אַ פאַרשפּיל־טער מיט זיי, מיט זיי מיטצושפּילען, און זיך נישט פאַרפלאָנטערן אין אייגענעם עק; און נישט, משוגע־ווערנדיק, אין זיך אַליין אַריינצובייסן דעם אייגענעם גיפט.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט אַ שטיל געזאַנג איבער אַן אויפוואַכנ־דיק קינד׳ס קעפּעלע מיט אַ הויך געוויין אַ בר־מינן צופוסענס, מיט׳ן כשוף׳דיקן באַשווערן פון בייזע רוחות, מיט דעם העלדישן נקמה־געשריי ביים נצחון. און די גרויסקייט פון דער ליריק איז, וואָס אַזוי איז זי גע־בליבן ביז׳ן הייַנטיקן טאָג.

מ׳פּרובירט עס קינסטלעריש צו פאַרמען מיט׳ן געפיל, אויסצובריי־טערן מיט אינערליכקייט, מיט פאַרצערטעלטקייט, און מיר ווערן צום סוף סענטימענטאַל; מ׳באַמיט זיך מיט אַן אויפבליצנדיקן בילד דעם אַרום אין באַוועגליכן וואָרט צו פאַרוואַנדלען און מ׳ווערט מאַטאַריש — קאַנקאַוו און קאָנוועקס ברילן בלויז איז עס פאַר׳ן זעער!

אָבער דער זעער איז נישט קיין אַנדערער ווי דער לויטער־געליי־טערטער אין דור־דורות׳דיקן בלוט און אין אייגענע פּיינען, אין געווייַנען האָפּערדיק אויפגעשטראַלט אין יעדער הענגענדיקער טרער — דער זעער זעט דורך זיי ווי דורך געשליפענע גלעזער. ער זעט דעם ווייַ פון מענטש, פון דער קרעאַטור, פון יעדן חפץ, און דאָס געשטילטע האַרץ ווערט אַ קינד, אַ געשטילטס צו דער מאַמע־וועלט און דער טויט איז מיתה בנשיקה.

עס גייט אין דעם, אַרויסצוגיין פון זיך, נישט צו זיצן אין זיך ווי אַ מושל אין איר שליימיקן הייזל, ווי דער וואָרעם אין כריין; עס גייט אין דעם, נישט צוריקצולויפן אין זיך ווי די רויב־חיה מיט איר פאַרציקונג אין איר פינסטערער נאָרע! דאָס עכטע לירישע וואָרט איז די באַפריי־

אונג פון זיך, פון דער צופּיצעלטקייט פון פאַרהעלטעניש און עקזיסטענץ, צו קענען נאָך זיין אין יענעם „מוטער־וואַסער", וואָס פאַרמט און באַ־לעבט; צו קענען נאָך שפּירן ביז אין די פינגער־שפּיצן דאָס ציטערדיק־פּלוצלינגדיקע, דאָס טאָפּנדיק־דערלייזענדיקע...

דעמאָלט איז מען איינס מיט'ן אַרום, מיט יעדן שטויבעלע פאַרברו־דערט, מיט יעדן טראָפּן פאַרשוועסטערט, נישט פאַרלוירן צו ווערן, נישט פאַרפלאָנטערט צו ווערן — מאַמע־וועלט האַלט איינעם אויף אירע הענט ווי אַ וויינענדיק „פּיצעלע", וואָס זיין פּנים'ל איז ליכטיק צולאַכט דורך פינקלדיקע טרערן. אָ, דער לאַבירינט־לעבן, נישט אויס און נישט איין, טויזענטער טירן עפענען זיך. נאָר די איינציקע טיר איז פאַרמאַכט אויף זיבן ריגלען, איז פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

דאָס אויפגעפּראַלטע אָפענע האַרץ אָבער, דאָס קענען גאַנץ אָפן און ערליך זיין מיט אַלעמען און אַלצדינג — נישט מיטל צום ציל, נישט צוועק צו דערגרייכן! יעדע זאַך איר אייגענעווירקליכקייט און רעאַלי־טעט, יעדע זאַך אומיטלבאַר דערזען און דערפילט — אָט דאָס איז דער אָנהויב פון ליריק, די אייביקייט פון ליריק, און נאָר אַזוי איז ליריק באַ־רעכטיקט. נאָר אַזוי איז דאָס געפיל ערהויבן, דאָס בילד נישט מער אַ צו־פעליקע סיטואַציע — די זאַך ווערט אידעע, דאָס איינציקע, וועלכעס איז אין זיך כולל אַלץ, ווערט פילענדיק־ציטערדיק, עפּידערמיס איבער לע־בעדיקן צאַפּל; אָנהויב און סוף פון איין קאַוזאַל־באַוועגליכע גאַנצקייט; דעמאָלט ווערט דער איך דו און יענער און דער; דעמאָלט איז די גאַנצע וועלט ליכטיק־לויטער און הייליק געלייטערט, און אַנונג פאַר ווייטערדי־קע עקזיסטענץ. מ'מוז שוין קענען שטיין אונבאַרירט און גלייכגילטיק צום אייגענעם לעבן, כדי צו קענען דערפילן די רעאַליטעט פון אַן אַנדער לעבן, כדי געשעענישן צו פאַרווירקליכן, כדי פונ'ם פּערספּעקטיוו צו קע־נען קוקן אויפ'ן זיין און נישט זיין, ווו געשעעניש איז נישט מער נאָר צופאַל, וואָרים ערשט דעמלט ווערן זאַכן קינסטלעריש (און זיכער אויך מאַטעמאַטיש־שעפעריש!) ערהויבן — חפצים ווערן שטיל־לעבנס, די אידעע זעט זיך אַרויס פון יעדער זאַך, זי לייכט מיט איר אייגענער קאָנ־טורן־צושאַטנטקייט. און פּונקט ווי סיטואַציע, פאַרהעלטעניש און מיטל איז נאָר אויסוועג און אומוועג, קרימעניש און געדריי פון שריט נאָך שריט אינ'ם גרויסן מהלך פון געשעענישן, אַזוי איז געפאָרמט בילד, גע־פיל־אויסדרוק, בלויז דאָס ליכט און שאָטן פון דער עכטער ליריק! ערשט מיט יענער איינציקער אידעע, וועלכע איז אין זיך כולל אַלע מעגליכקייטן, ווערט מיטל און ציל — דאָס פליש און די אָדערן — לע־בעדיקער עקזיסטענץ; דעמאָלט ערשט איז דאָס וואָרט געזעטיקט מיט אייגענעם צאַפּל, מיט דור־דורות'דיקייט, מיט בלוט פון אייגענעם בלוט, מיט עכטע רעאַליטעט און געשעעניש.

## 2

אָבער מיט'ן פאַרטיפן זיך פונ'ם ביבלישן זעער, פונ'ם „רואה" פון איין זייט, און פונ'ם גריכיש בלינדן האָמער פון דער אַנדערער זייט, קומט די צוטיילונג און די שפּאַלטונג אין דער ליריק — די שפּאַלטונג פון דער גאַנצער קולטור! ווייל די ליריק איז דאָס אַנעז, דאָס האַרץ פון דער מענטשליכער קולטור. (אפילו פון דער מאַטעמאַטיש־שעפערישער, ד. ה. פון דער וויסנשאַפטליכער און ערפינדערישער — שפּינאָזאַ אין זיין העכסטער מאַטעמאַטישער דערגרייכונג איז דאָס ליר־ישסטע און ביי יעדער מיט ווערטער דעפינירטער ערפינדונג פון אַ באַדייטנדיקן סערום איז זיכער דער שעפערישער מאָמענט, דעם מענטשן אין זיין נויט צו וועלן העלפן).

אַלע געזעץ־סיסטעמען און זייערע ענדערונגען זיינען דאָך דער ריטם פונ'ם מענטשליכן עקזיסטענץ! און איז דער געזעץ־זאַץ „דו זאָלסט נישט קאָכן דאָס ציגעלע אין דער מילך פון זיין מוטער" נישט דער ליר־ישסטער פערז? איז עס נישט גוטסקייט וואָס רינט אַרויס פון מענטשליכע צאַרטקייט הערצער צו שטילן?

דער יידישער נביא, דער הר־המוריה ליריקער זעט די מענטשליכע אינערלעכקייט אין די טיפסטע טיפענישן; ס'האַרץ איז פאַר אים אָפן ווי אַ תהום; ער דערבליקט דאָס מינדעסטע קנייטשעלע און דאָס פאַרוויקעלטסטע פעלטעלע פון מענטשנס געהירן, ער איז דורכזעעוודיק אין יעדן געשעעניש און די זעענישן קאָכן אויף זיין בלוט אין זידיקע אויסגעשרייען, זיינע ליפּן צושוימען מיט גערעכטיקייט — זיין האַרץ איז לויטער און טיף ווי דער ים און גייט־איבער פון דער מינדעסטער אומגערעכטיקייט, זיין אויפברויזנדיקער ריטם איז געטריבן פון יאָגענדיקן געוויסן, ס'איז איבערפלייצונג, ס'איז געוויסער אין בלוט; די געבונדענע קרעאַטור רייסט זיך אין אים באַפרייט צו ווערן; זיין אויפבליצנדיק־דערזעענדיק בילד איז דינאַמיש — ס'איז לויפנדיקער געדאַנק פאָראויס! יאָגענדיקע שעפסן־סטאַדעס זיינען די בערג אין זיין העראָגליפישן וואָרט; מיטל, סיטואַציע, ציל, אַפּאָקאַליפּטישע בילד־טיילן פון איין גאַנצקייט, און דאָס געוויסן איז דאָס האַרץ פון דער וועלט! דאָס איז די אָפנהאַרציקייט פונ'ם מוריה ליריקער, זיין לייב און לעבן, זיין פלייש און בלוט אַוועקצוגעבן, כדי צו ערנערן, כדי צו זעטיקן דאָס אויסגייענדיקע, דאָס צאַפּלדיקע האַרץ פון דער וועלט.

דער בלינדער האָמער האָקעגן איז חושים'דיק, ער דערטאַפּט זיך מיט זיינע הענט צו די זאַכן; דער אַרום און אַרום ווערט פאַר אים בולט, פלאַסטיש־עלאַסטיש, תאווה'דיק־רונדיק; ער קריגט עס אַריין אין זיינע שפירענדיקע פינגער־שפּיצן, זיינע הענט ווערן זעעוודיק. די רעאַליטעט,

די ווירקליכקייט ציט ער אין זיך אַריין, ער פאַרמט זי און ער באַהערשט זי, ער באַזיגט זי, ער איז זי מנצח מיט מענטשליכער גבורה; זי ווערט אַ טייל פון אים; זי באַקומט זיין טאַפּנדיק־עפּישע באַוועגליכקייט, זיין נאָכלעסיגע זיך־נאָכגעביקייט און באַרואיגטקייט — ער וויל ברייטער ווערן, מער רוים געפינען, דעם דרויסן אין זיך אַריינצובאַקומען; ברייט־צעוואַקסן מיט דער נאַטור, מיט פעלדער און וועלדער, ערהויבן ווערן מיט יעדן זון־אויפגיי!

זיין בילד איז דער נאַקעטער נימף אין׳ם געזימס, צירליך־געטאַקט און פעסט איינגעמויערט, און ווען דאָס בענקענדיקע האַרץ גייט שוין איבער, איז עס די שוימענדיקע געטין פון ים־מושל אַרויס! עס מיאַנ־דערט אין זיין בלוט און באַרואיקט און מאַכט שטיל; זיין ריטם איז ברייט ווי פּוטאַנדערגעשפּרייטע אָרעמס מיט לייצעס אין דער האַנט, ביים שווער־סאָפּענדיקן העלד, וואָס שטייט אויפ׳ן קריגס רייט־וואָגן און ער האַלט־איין און ער האָמעוועט. דער באַרואיקטער געלאַסענער אָטעם פונ׳ם געניסערישן איז די האַרמאָניע — די אידעע פון דער וועלט. זי צו באַהערשן, זי איינצונעמען, ביז ס׳אייגענע האַרץ ווערט שטיל ווי אַ קיניגענדיקער אויסגעמאַטערטער שקלאַף.

טעמפעראַמענט רייסט זיך אַרויס ווי גליאיקע לאַווע מיט שורות ווערטער, דאָס איז לירישער ריטם — ס׳איז דער אויסרוף־צייכן פון צייט, דער אימפּעראַטיוו פונ׳ם געוויסן! טויט און לעבן צו באַהערשן, האַרץ צו האַרץ צו באַרואיקן — דעם טעמפּעראַמענט פון פעלקער (זייער געזעץ־מעסיקייט, זייער האַרמאָנישע אָרדנונג) דערקענט מען אין זייער ליריק און די עכטקייט פון ליריק אינ׳ם ריטם. ווייל זי איז די ערשטע אונקאָמפּליצירטע אָפּנהאַרציקע פאָרם פון מענטשליכן שאַפן, וואָס יעדע מינדעסטע גראַד־עפּדערונג אין איר ווערט אַזוי דייטליך בולט.

טויזנטער יאָרן ווי מ׳באַמיט זיך שוין די שפּאַלטונג אין דער וועלט, דעם געוואַלט־ריס פונ׳ם לעבן צוריק צו באַהעפטן, מיט׳ן געוויין פון אַלע מענטשן, מיט די תפילות פון אַלע פעלקער, און ביז׳ן היינטיקן טאָג טראָגט די ליריק פון אַלע קולטורן דעםביידע־זייטיקן חותם, ס׳איז געוואָרן איר גאָלדיק אויסקלינגענדיקע מטבע׳ישע עכטקייט — די אי־נערליכקייט פונ׳ם מענטש, זיין געוויסן, מיט׳ן דרויסנדיקן אָרום, מיט דער רעאַליטעט, צו קאָנען פאַראייניקן אין איין ווירקליכע עקזיסטענץ, יאָ, אין איין קאָזאַלע גערעכטיקייט — אָט אין דעם גייט עס! בישט אין קיין צופעליקייטן, וואָרים די גייסטיקע מענטשליכע באַמיאונגען, זיינע חלומות און בענקענישן זיינען אויך שוין געוואָרן אַ טייל פונ׳ם מענטש־ליכן איך און פונ׳ם דרויסנדיקן אָרום און אַרום.

3

מיר ייִדן הייבן עס אָן אין אונזערע וועלטליך־ייִדישע פּאָרמען מיט׳ן בראַצלאַווער. זיין „בלינדער בעטלער“ האָט אין זיך דעם דעם ביבלישן זעער, ווייל ער איז דאָך נישט קיין בלינדער, נאָר אַ סגי־נהור — אַ גרויסער זעער! מיט׳ן בראַצלאַווערס עכטער דיכטונג קומט דאָס האַמערישע, דאָס הימליש־ערדישע, אַריין אין אונזער ייִדי־שער ליריק, מיר הייבן זיך אָן חושימדיק צו דערטאַפּן דורכן דרויסנדיקן לעבן צום אויסגייענדיקן האַרץ פֿון דער וועלט, מיט געבעטן צו פֿאַר־שיטן די שפּאַלטונג צווישן מענטש און מענטש, צוריק־צוזאַמענצו־העפטן דאָס צעריסענע געמיט פֿון יעטוועדן באַשעפעניש.

אין אונזער פֿאָלקס־ליד האָט זיך, אינערליכע ווירקליכקייט און די אַרומיקע רעאַליטעט, האַרציק־געמיטליך צוזאַמענגעגראַמט אונזער ווײַ און אונזער געשריי. יאָ, מיט דער פּאַטעטישקייט פֿון אונזערע נביאים קאָן מען באמת זאָגן איבער אונזערע פֿאָלקס־ליבעס־לידער: זע די שפּחה האָט אַ קינד געוווּנען, עס הייסט געטריישאַפט, ליבשאַפט הייסט עס — אַ גין־גאָלדענע פּאַווע איז עס, פֿול מיט צופּלאַטערטע האַרציגקייט. מיט אליקום צענזור און מיט וואַרשאַווסקין ווערט עס בדחניש־היימיש, מצוה־טענצעלדיק ריטמיש — ס׳איז נישט מער דער „תּפֿילה לעני כי יעטוף,“ ס׳איז דאָס געוויין פֿון דער פֿאַרגייענדער פֿי־דעל פֿון די באַדעקענס — „אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿייערל“ און ס׳קאָכט זיך די גאָלדענע יויך! און אַרום און אַרום זיצן מיר ווי די קינדער — אַזאַ אינערליכע געמיטליכקייט, דער גאַנצער אַרום שטייט שטיל און האָרכט זיך צו און ער ווערט אָרנאַמענטיק פֿאַר פּרוגס ליד, פֿאַר יהואש׳ס הימנען. פּוילישע פֿעלדער און טייכן, ליטווישע און אוק־ראַינישע האָריזאָנטן און שלאַנקע בריאָזקעס אין זון־פֿאַרגייען צעבליען ויך ווי צניעותדיקע כלה־מיידלאַך אין אונזער געבליט, אַזוי ברייט, אַזוי האַרציק נאָענט.

און אַז מ׳הייבט אָן שפּירן הימל איבער קאָפּ, ערד אונטער די פֿיס, ווערט דען נישט סאָציאַלער קאַמף, גערעכטיקייט, אויסגעשריי, אַ טייל פֿונם אינערליכן? באָוושאָווער און עדלשטאַט וואַקסן שטומפּיק און וואָרצלדיק אַרויס פֿון אונזער טיפֿער נויט, קוים צעוואַקסן און שוין געטראָפֿן פֿון אַ בייזן געוויטער! מיט ראָזענפֿעלדן און ווינטשעווסקין האָט די ייִדישע ליריק שוין אייגענע אינערליכע סטיכע, עס האָט אין זיך ייִדישע דינאַמישקייט, אָבער אַן אַנדערע ווי ביי אונזערע נביאים, זי איז אַ בעל־פּה זינגעדיקע — דער „לבי ובשרי ירננו אל אל חי“ האָט נישט מער בלויז אין בית מדרש אַרומגעטאַנצט אַרום בעלעמער, ער זינגט שוין אַרויס פֿון אַלע שניידערשע און שוסטערשע וואַרשטאַטן.

די יידישע לירִיק איז נישט מער דער יהי רצון פונ׳ם „כאלו הקרבתי עו־לה" — דער יידישער מענטש איז שוין ווידער אַנגעגרייט צו אַ נייעם הר המוריה־גאַנג, געבונדן צו ווערן און גאַנץ אויפצוגיין מיט לייב און מיט לעבן: „ס׳פייער איז שוין דאָ און ס׳מעסער איז אויך שוין דאָ" און מ׳וואַרט נאָר אויפן וואָרט.

און אין יענע צעפלאַמטע פינפער יאָרן, פון נאָך 1905, שמעלצט זיך דערוויל דאָס גאָלד פאַר אונזער יידישער פּאָעזיע — איינהאָרן, שנייער, ניידוס און די גאַנצע פלעיאַדע יונגע דיכטער ביז׳ן קריג פאַר־מען עס און פרעגן עס; וואָס מער בילד, וואָס מער בולטקייט — אונ־זער גאַנץ לעבן איז נאָר אַז ס׳זאָל זיין עמבלעם, אָרנאַמענטיק; אונ־זער גאַנצע עכטקייט פונם אינערליכן געפיל איז נאָר ריכטיקע געוויגנ־קייט, משקל פונם פערז.. אונזער לירִיק דעמלט האָט געשיינט שוין צו זיין אַרויסגעוואַקסן פון אירע וויקעלעך. דעם נביאישן פייער־טאָפּ האָט ביאַליק צעבראָכן מיט זיין „לעצטן וואָרט" און אונזער פּראָזע און דראַמע איז שוין געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן געקענט פאַרוואַנ־דלען שטימונג אין וואַרעמע,אַטמאָספערישע, אויפפלאַמענדיקע וויזיע אין אַ פעסטער פאָרם, אין עפּישער רעאַליטעט און אין דראַמאַטישער ווירקליכקייט.

און נישט נאָר איז דעמלט אונזער פאַר־מלחמה לירִיק אַליין גע־וואָרן צופיל פּאָעזיע — דער איבערפלוס פון סענטימענטאַלקייט און דאָס מאַטאָרישע הייבט זיך אָן שוין צו שפּירן אומעטום, אין אַלע שפּראַכן; ווייל די איינציקע ווירקליכקייט פון עכטער לירִיק איז די רעאַליטעט, פּנים אל פּנים צו שטיין מיט איר — אויף טויט און אויף לעבן! און אין יענע יאָרן איז די סיטואַציע לעבן, די עקזיסטענץ וועלט, באמת שוין געווען אַזוי נאַטירליך־צוועקלאָז, אַזוי זיכער־אַרומ־גערינגעלט און צופעליג־באַגרעניצט, אַזוי איינגעאָרדענט־ענג, אַז ס׳האָט סטיכיש געמוזט קומען דער גרויסער בראָך אין דער וועלט,כדי דער מענטש זאָל ווידער קענען אַרויס פון זיך, פון זיין שליימיק מושל־שיסלע, פון זיין מאַלוואָרף־לאָך און איינס צו ווערן מיט׳ן אַרום, מיט׳ן דרויסן, מיט הימל און ערד, מיט מענטש און קרעאַטור און מיט אַלצ־דינק און אַלץ.

אין 1914 אַז די רויב־חיה איז אַרויס פון איר ענגער נאָרע האָט זיך דען געדאַכט, אַז זי וועט זיך, אַזוי מטושטש און פאַר׳חוש׳ט ווי זי איז, צוריק פאַרקריכן מיט איר בלוטיקער פאַרציקונג און מיט אַן אַרונ־טערגעלאָזענעם עק צווישן די הינטערשטע פיס? דער דאָזיקער אונבאַ־ווּסטער שטאַרקער גלויבן, די ווי פאַר׳חלומ׳טע אָדער ווירקליכע בענק־שאַפט, דאָס איז דער אָנהויב פון דער לירִיק, איר אייביקייט און איר איינציגע באַרעכטיקונג.

## .4

און ווייל די לידיק איז דאָס זאָמען־קערנדל פון יעדער קולטור, דאָס אומבאַוווסטע שעפערישע ערשט־ווערן, די ערשטע באַוועגונגען אינ׳ם חושים׳דיקן געדאַנקליכן תוהו ובוהו, דערפאַר טראָגט יעדע קולטור אין זיך דעם זאָמען פון דור־דורותדיקייט, פון אייביקן זיך באַנייען און ווערן. — עס איז די נאַטירליכע באַפרוכפערונג, וואָס טראָגט אוים ווייטער געטראָגן צו ווערן.

אין אונזער מאָדערנער לידיק איצט איז שוין די באַנייטע דערפרישטע בליאונג אויפן ברייט־צעצווייגטן בוים פון אונזער עפּיק און ווערנדיקע זריעה פאַר ווייטערדיקע נאָך אומגעאַנטע דערלעבענישן, און זואַקסנדיק באַוווסט ווערן, און שעפערישע כחות צום פרישן עפּישווירקליכן געראַנגעל, און אויסהאַלטן קענען.

מיט אברהם רייזען׳ען איז געווען דער אָנהויב פון אונזער מאָדערנער לידיק—די אידישע אָרימקייט איז געוואָרן ביי אים רעאַליטעט — „אַ געזונט זאַלבע אַכט״! בלוט־אָרים, ראַכיטיש־אויסגעדאַרט, נישט ערנערט, אָבער „העגטלעך און פיסלעך פלעכטן זיך״ טאַקע ווי ביים טאַטן אין בעט — וואָלט עס אַנדערש געווען, וואָלט עס נישט געווען קיין אייגענע יידישע דיכטונג, נאָר צופיל היינע אָדער לערמאָנטאָוו. אברהם רייזען׳ס עכטע נאַטור־ און ליבע־געפיל איז רעאַל־חושימדיק. יידישע פאַרווירקליכונג — איז נישט מער צופעליק — אַ מציאה געקויפט אויפן מאַרק! יידישע אָרימקייט פאַרפונדעוועט זיך! און פונקט ווי די פּראָזע אין זיינע פערזן איז שוין געבויט אויפן באַזים פון אונזערע קלאַסיקער איז זיין יאָגנדיקער ריטם דער פעסטער אויסדרוק פונם שוין פאַרהאַנענעם סאָציאַלן באַוווסטזיין פונם האָראָפּאַשנעם מענטש.

אברהם רייזען׳ס געפיל האָט נישט נויטיק אַזוי פיל בילד, ווי זיין פילאָזאָפיע האָט נישט נויטיק צו שטרענגע פאָרם, ווייל אַלץ וואַקסט ביי אים אַרוים פון אונזער נויט, ער דערלעבט זי אין זיין האָפענונגסלאָזיקייט און אין זיין האָפערדיקן גלויביקן קאַמף. זיין ליבע־ליד איז רעאַליטעט, ווייל זיין האַרץ גייט איבער פון ליבע צו יעדן מענטש, דערפאַר קאָן זיין פערז זיין אַזוי רעאַליסטיש, נאָך רעאַליסטישער טיילמאָל ווי דער פאָעטישער זאַץ פון זיין דערציילונג.

מיט די „אייזיכיסטן״ פון פוילן און אַמעריקע פון איין זייט, יענע פאַרשפּילטע אין זיך און מיט זיך, כסדר מיט די הענט זייערע אייגענע גופים באַטאַפּנדיק, ווי זיי וואָלט אַזעלכע „אַראָפּגעשלינגענע מגילות״ געווען פול מיט בלינדן־שריפט, און מיט די נאָך־רעוואָלוציע פּאָעטן פון דער אַנדערער זייט, בלוטיק אויפגעברויזט מיט ערלייזונג פאַר דער

גאַנצער וועלט, — שטייט שוין דער צוויייזייטיקער מענטש, מיט זיין לייד און זיין ליידנשאַפט, מיט אַ געשריי אויף די ליפּן און אַ צאַפּל אין האַרץ, זיין בענקשאַפט און זיין באַגרעניצטקייט אויסצופרעגן און אויסצוהאַמערן, די צווייזייטיקייט פון דער עכטער מטבע אויסצוקלינגען מיט ריטמישע אומענדליכקייט — האַפּשטיין און האַלפּערן, צוויי גאָלד אויסגעפּרעגטע און פעליגראַן אויסגעהאַמערטע, וואָס וועלן בלייבן ווי אַן עכטער קלינגנדיקער אָנזאָג פון אונזער מאָדערנער יידישער ליריק.

און לייוויק, וואָס האָט זיין אייגענע בלוטיקעווירקליכקייט מיט זיך מיטגעבראַכט — נישט ווי אַ גילדענע פּאַווע איבערן ים; ווי אַ ווייסע נישט־דערקוויקלעטע טויב איז ער געקומען צו אונז; אַזוי פיל בלוט אויפן וועג פאַרלוירן! און דערפאַר, פּונקט ווי רייזען, אויך בלוט־אָרים, האָט גאַרנישט מער אַזוי נויטיק דאָס שטימונגס־געפיל און דאָס קינסטלערישע בילד, ווייל ער גופא איז פול מיט ווייעדיקע געשעעניש. ער גופא איז אַ אופּפלאַמענדיקע וויזיע! מיט אים קומט אין אונזער ליריק אריין דער ריטם פון סאַרפנדיקע קייטן.

די „גאָלדענע קייט" וואָלט לייכט צעריסן געוואָרן, מיט אירע קונציק־געטאָקטע רינגען זיך לייכט צעשיט איבער אַלע שבעה ימים, ווען מיר וואָלטן נישט דערשפּירט ביז אין ביין אַריין דעם זשאַווער פון די פעסט־געקאָוועטע רינגען פון „פּויליש אויף דער קייט" ביז נאָך סיביר אַהין — אין די קייטן האָבן מיר ווידער אויפגענומען דעם געראַנגעל מיט לעבן און וועלט. די האַראַפּאַשנע גאַס מיט אירע מאַזאָלעם האָט זי אין די קוזשניע אויסגעהאַמערט, און געבונדן אין איר רייסט זי זיך און סאַרפּעט זיך מיט אַלע כוחות — עס איז נויטיק שטיקער צאַפּלדיק בלוטיק לעבן, כדי אויף די פּאָזע (פּאָעזיע) זאָל קענען רוען די שכינה פון שבת־יום־טובדיקייט.

אונזער מאָדערנע ליריק, אין אונזער אויסערליכן קאַמף באַקומענדיק נייע רעאַליטעטן, האָט אין טיפער עכטער דערלעבעניש, אויפן אייגענעם געפיינטקטן לייב זיך באַהעפט צוריק צו איר שורש (טראָץ אומפאַרמיידליכע פרעמדע איינפלוסן!) און ווען נישט אויפן הר־המוריה ווידער, איז עס געווען אין די סיבירער סטעפּעס, אַ געבונדענער, אַן איין־איינציקער, אַן אויסדערוועלטער, מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלז, וואַרטנדיק אויפן ראַטעוועדיקן וואָרט.

דער סאָציאַלער קאַמף, דאָס געוויסן אינם מענטש איז ווידער געוואָרן בלוט פון אונזער בלוט, עשאַפאָט און שייטערהויפן איז ווידער געוואָרן יידישע ווירקליכקייט און רעאַליטעט — אונזער מאָדערנער דיכטונג איז ווידער געוואָרן שורשדיק, מסירות־נפשדיק, האָט ווידער אין זיך עכטע בראַצלאַווער גזע, סגי־נהירם דערטאַפּן זיך פון פאַר־פינסטערטע געסלעך אַרויס, מיט זייערע הענט צו די ליידן פון דער

וועלט. און דערפאַר איז לייוויק׳ס דיכטונג אַ לויב־געזאַנג צו דעם ליִיד, ווייל זי איז באמת אונזער איינציקע מעגליכקייט, אונזער איינציקע פּראַקטישע רעאַליטעט (ווי אין אונזער נאַטור־נאָנטע ביבלישע צייט, אין דער געטליך־זעערישער, דאָס עניוותדיקע, דאָס מענטשליך־שפּלותדיקע אינם גרויסן אין־סוף!) — זי איז דער סוד פונם נצח ישראל! מיטל און ציל, סיטואַציע און צוועק פון אונזער אייביקער עקזיסטענץ. ס׳איז די איינע זייט פון דער מטבע ווידער די זייט פון ישראל סבא.

אָבער אַז דער דאָרן ברענט און ברענט און ווערט דאָך נישט פאַרברענט, איז דאָך גוט צו זיין אַ ברענענדיקער דאָרן! און אין דעם אייביקן פלאַם הויבט ווידער אָן פריידיק און שוימיק צו שמעלצן אונזער עכט ירושהדיק גאָלד, פאָרמלאָז — איבערלויפנדיק, תוהו־ובוהודיק, אויפזידנדיק, אָבער איבערגייענדיק פון פאָלקס געוויסן.

אין אונזער פּאָעזיע איצט, מיט אַן אייגענער בולטער צורה שוין, באַקומט אַלץ ווייטער און ווייטער די פעסטערע פאָרם, דאָס עכטע מעטאַלישע, אַז ביידע זייטן, נישט גלאַט און אָפּגעמעקט צו ווערן, זאָלן זיך בולט און פעסט און מאַיעסטעטיש אויספּרעגן, מיט לויטערן גאָלדענעם געצערטלטן קלאַנג אַרויסגעשליפן ווערן, אַרויסגעריסן פון אונזער טיפסטער טיפעניש.

האָפערדיקייט און ווייאיקע אינערליכקייט, מיטן אינם געוואַלטרים פונם אָרום און אַרום, מיטן אינם צאַפּל פונם לעבן, דאָס איז די צווייזייטיקע עכטקייט פון דער ליריק: בילד און געפיל — די רעאַליטעט און די בענקשאַפט! — געאייניקט און באַהעפט אינם וואָרט צו ווייטערדיקע אַנענדיקע עקזיסטענצן, וו טויט און לעבן זיינען נאָר די דינאַמישע אַטריבוטן פון ריטם און האַרמאָניע.

# דאס 80סטע געבוירן־יאר פון מאריס ראָזענפעלד

## אַ רעפעראַט ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

איז דאָס ליבליכע פאָלקס־ליד אונזערס די נשמה, דאָס ערשטע אויפטאָטעמען, פון אונזער נייער ליריק, — דאָס קינד נאָך אין וויקע־לעך! — איז דער סקאַרבאָווער ברחן געווען דער, וועלכער האָט געגעבן די שטרענגע טעכניק און די באַאַרבעטע טעמע; דאָס פאַרמישטע אין אונזער פּאָעזיע פון עפּישן מאָנאָלאָג און טענדענץ. מיט אַזעלכע שיטנ־דיקע גראַמען אַ כלה צו באַזעצן, אַזאַ פריילעכס, דאָס האַרץ צוצענעמען אַ יתומה ביים באַדעקנס; אַזוי, אויף אַזאַ שטייגער, האָט רב עליקים ברחן באַזינגען די כנסת ישראל.

יאָ, „האי עלמא כבי הלילא דמיא", צו אַ יידישע חתונה קאָן מען אונזער וועלט פאַרגלייכן! און פאַרדערפאַר איז צו אַלצדינג און צו אַלץ פאַרפאַסט אַ צוגעפאַסט שטיקל: צו דער גאָלדענער יויך, צום דרשה־געשענק, צום מצוה־טענצל — — דאָס־אָ איז די באַזינגעניש־טראַדיציע אין אָנהייב פון אונזער פּאָעזיע! שטאַרק נאַציאָנאַלע און שאַרף סאָציאַלע טענדענצן מישן זיך ביי איין און דעם זעלבן דיכטער. די אומאיינהייטלעכקייט איז נישט דאָס ווייך־לירישע און בייגעוודיקע געמיט, (ווי ס'קאָן זיך אין פלוג אויסדאַכטן! דער עכטער ליריקער איז גאָר נישט אַזוי ווייך...) ס'איז די צוגעפּאַסטע טעמע, וועלכע ענ־דערט זיך און פאַרענדערט זיך. ווי דער שטעטעלדיקער ברחן, וואָס ווערט גערופן צו די מחותנים יעטווידע איינצלהייט אים מיטצוטיילן, מצד החתן ומצד הכלה — — אפילו צום עלטער־פעטערס נאָמען, דעם אַלטן קמצנ'ס, אַ גראַם צו אים צוגעפינען, דאָס האַרטע האַרץ אים צו רירן — — די טראַדיציע קאָן מען נאָך געפינען ביי דעם גרעסטן פון אונזערע קלאַסיקער פּאָעטן, און ווי האָבן זיך דאָס ביידע צדדים אין אים געריסן און ס'האַרץ אים צעריסן: די ביטערע נויט פונם אַרבעטס מאַן און די צרות און פיין פון אונזער יידיש לעבן.

און ווייל מאָריס ראָזענפעלד האָט צו אָפט געפינען די ריכטיקע גראַמען אין זיינע סאַטירעס, צו די „פעטערס" פון אונזער ליטעראַטור, ווי האָט ער דאָס דערפאַר זיין גאַנץ לעבן אַזוי דערייבער געמוזט ליידן. און זיין דיכטונג האָט אויך אפשר דערפאַר אַ שטיק מיטגעליטן...

דאָס פאָלקס־ליד און דאָס בדחנישע איז דער צעאַרבעטער זאַפטי־קער באָדן פון ווו אונזער נייע פּאָעזיע וואַקסט אַרויס, אָבער פונקט ווי די דיכטונג פון אַלע אייראָפּעאישע שפראַכן האָבן געצויגן זייער יניקה פון זייערע ביבל־איבערזעצונגען, אַזוי מיט אַ פיל אינטימער און באַ־

דייטנדיקער מאָס נאָך, אונזער נייע פּאָעזיע. אָבער נישט וואָרט ווערטלעך השׂכּלהדיק, נישט דיקדוקדיק־טריקן — אינם יידישליכן זאַפטיקן שטייגער פון פאַרטייטשן אַ פּסוק, אינם שלשלתדיקן־געדרייטן אויסריידן, ליגט די ספּעציפישע אייגנאַרט, די טראַדיציע פון אונזער נייער פּאָעזיע —

אַרום די חדר־טישן די דרדקי־מלמדים מיט זייערע תּלמידים אויסריידנדיק מיטן ניגון דעם „ואני" — — די גאַנצע ליבע צו רחלען און איר שרעקליכער טויט אויפן מיטן וועג קיין בית־לחם האָט זיס אַרויסגעקלינגען פון זייערע ציטערדיקע קולעכלעך — באמת, די מינען־זינגער האָבן זייערע ריטער־ליבעס און אַוואַנטורעס נישט געקאָנט מער פאַרכשופן — — ס'איז דאָך אונזער מאַמע רחל! און דעם קול ברמה נשמע, האָט מען דען אים געקענט לויטערער אויסזינגען ווי מיט די זילבערקלינגנדיקע קולעכלעך פון תינוקות של בית־רבן — —

און אַזאַ וואַנדערדיקער מגיד, אין שול אויפן מעלעמער, איז ער נישט געווען אַזאַ רייזנדיקער טרובאַדור פון קעניקליכן הויף צו קעניקליכן הויף, אַזש פון פומפּדיתא? איז זיין האַרץ־נאָגנדיקע מעלאָדיע, פאַרן פּרוכת־פאַרהאָנגענעם ארון־קודש, נישט געווען אַזאַ סערענאַדע „בכל לבבך ובכל נפשך" פאַר דער שכינה? און דער „מנורת המאור" און דער „לב טוב" דאָס זיינען דאָך אַלץ געווען יאָדערדיקע פּסיקים אַזעלכע, אָפּגעשיילטע ארץ־ישׂראל־ניסלעך, גלייך געוואָרפן אינם פאַרגאַפּיעטן אָפענעם מויל אַריין...

אונזער ביבלישע יניקה איז נישט השׂכּליש, ביבל־איבערזעצעריש — זי איז טויזנטער יאָריקער שטאַמלדיקער בעל־פּה; אונזער דיכטונג האָט אין זיך די טראַדיציע־פאָרטזעצונג פון דער פאָלקסטימליכער נאַאיוויטעט און אינטימיטעט, די היימישקייט פון אַ „ביצה שנולדה ביום טוב" — ס'איז דאָס גאָלדענע איי פון דער פאַרבייפליענדיקע גאָלדענער פּאַווע! אָ, וויפיל בית שמאי און בית הלל מחלוקת און מוכיחשע געשרייען „לא בשמים היא" איז נייטיק געווען, אַז מיר זאָלן ווידער מעגן באַגייסטערט אויסשרייען „מה נאה אילן זה" — ווי שיין איז דער דאָזיקער בוים!

אַז מיר זאָלן קאָנען אָבער צוקומען צו דער עסטעטישער פאָרעם פון יחידיש־אינערליכער ליריק, האָבן מיר געמוזט האָבן צוערשט דעם זאַפטיק צעאַרבעטן באָדן פון פאָלקס־ליד און בדחניש־טעמאַטיק, אָבער נאָך מער אַ דירעקטערן און פּשוט'ערן צוגאַנג צו דער ביבל.

און ס'איז באמת נאַטירלעך, וואָס יהואש, דער שפּעטערער, דער דריטער פון אונזערע קלאַסיקער פּאָעטן, דער אינטעלעקטועלערער און אייגנהייטליכערער, ווייל שוין מער באַוווסטער פאָרם אין אים, — גראָד ער, דער ערשטער עסטעט אין אונזער פּאָעזיע, וואָס נישט דאָס סאָצי־

אַלע מוכיח'שע אל־מלא־רחמים מאָטיוו און נישט דער פּאַטעטישער צער און צאָרן איז דער שטוים־קראַפט אין זיין שאַפן, וואָס זיין מקור איז די אייראָפּעאישע ליטעראַטור, שוין דערוויטערט אַ ביסל פונם פאָלקס־ליד און בדחנישן שטייגער, — אַז ער גראָד האָט אויף זיך גענומען די געוואַלדיקע לעבענס־אַרבעט דעם תּנ"ך איבערצוזעצן, ווי אַ ליטעראַריש בוך אַריינצונעמען אין אונזער נייער ליטעראַטור; מיט די ביבלישע, אייביק־פרישע, זאַמען־טראָגנדיקע בלעטער, צעצווייגט ערשט און צייטיקט אַ ליטעראַטור!

מיט די דריי ערשטע פּאָעטן־קלאַסיקער אונזערע, פון יעדנ'ס צושטייער אויף זיין אופן, האָט די יידישע פּאָעזיע באַקומען איר אייגענע טראַדיציע, איר אייגנאַרטיקע סטיכע פאַר ווייטער שעפערישקייט. פּאָעזיע, פּערזן, זיינען זאַמען־קערנדלעך אין האַרץ־טאָרבעלעך, נייע זריעה איבער צעאַקערטן לייב פון אַ פאָלק אויסצוזייען, ס'זאָל אויפגיין מיט בליאונג און זאַפטיקע צייטיקייט — סטראָפעס זיינען אויפגעקנאָספּעטע צוויט אין בייטן גסדרט! די ביבל־פּערזן האָבן אונזערע פּראָזע־קלאַסיקער געהאַט זייער עפּיק צו פאָרמען — זיי האָבן זיי אַרויסבאַקומען פונם אָריגינעלן טעקסט! איז דאָס־אָ, די טאָפּלטע־אויפגאַבע געווען פון אונזערע קלאַסיקער־פּאָעטן: דעם העבראַאישן תּנ"ך וואָרט־ווערטליך צו פאַריידישן, (שוין סאַטאַנאָווער האָט אָנגעהויבן און פּרץ נאָך האָט זיך געפּריווט!) און אויך דעם תּלמודיש־מוכיח'שן שטאַמלדיקן, בעל־פּה פאַרטיפן און דייטלעך אויסטראָגן, אַ געווינדשאָוועלטן פון זיינע פּלעווס, און זאַמלען און גרעסערע זריעה־קערנער פון זיי אָפּקלויבן, צו פרישן און רייכערן פאַרזיי. אין דעראיבער, אַז מ'וויל ריידן פון איינעם פון זיי, איז עס ווי פון אַן איינהייטליכקייט, פון אַ דריי שורשדיקן פאַרוואָרצלטן אָנהייב.

שוין דער נאַציאָנאַלער דיכטער פאַר ראָזענפעלדן, פרוג, איז שוין נישט מער געווען קיין בדחן און קיין השכלה־שדחן. ער וואַקסט אַרויס פון יידישער ערד, מיט יידיש האָראָפּאַשנע הענט צעאַרבעטע ערד, אַן איבערגאָסענע מיט זידיק בלוט פון הריגות און פּאָגראָמען. און אויב פרוג איז נאָך נישט דער צעוואַקסענער דעמב אין אונזער פּאָעזיע, איז ער אָבער דער געבליבענער פּניאָק פונם אונטערגעהאַקטן שטאַם, וואָס הייבט ווידער אָן מיט זיין אַלטן שורש צו שלאָגן וואָרצלען.

פרוג, דער פאָרגייער, דער ערשטער יידישער מייסטער־פּאָעט, וועלכער הייבט אָן פון אונזער צעקרומטן צער און וויי, פון אונזער יידישליכן באַוועג און קאָמישן געבויג דעם ריטמישן גראַם קונציק אַרויסצואַרבעטן מיט „משקל און צעזור" — ער פלעכט אויס די אַראַבעסקע פונם יידישן לעבן; פון אויסגעקלאַפּטע הושענות געפונענע אויף אַן אַלטן ארון קודש צווישן שמות או ן שטויב. די נישט אויסגעקאָרטשעטע

וואָרצלען פונם געבליבענעם שורש קרימען זיך און קאָרטשן זיך, זיך צודערגראָבן צו די זאַפטן פון דער ערד. דאָס יידישע יינגל שמואל שמעון, דאָס קינד פונם אָרעמען קאָלאָניסט אין באָבראָווי־קוט, ערגעץ אין כאַרסאָנער גובערניע, האָט נישט „קיין רו און קיין פרידן" ווייל אַלטע בילדער לעבן נאָך, שדים און רוחות קלעטערן אויף די ביידעם אַרום. ער איז נאָך סענטימענטאַל און ראָמאַנטיש־אל־מלא־רחמימדיק, ווי יעדער פּאָעטיש־נאַציאָנאַלער אָנהייב. — אָ, ווי ער פליסט זיך דאָך צו זיין נישט פרעמד און עבט יידיש — טיילמאָל שוין צו יידיש־לעך! ווי יעדער צוריקגעקומענער...

דער באַוווסטער רוסישער פּאָעט פרוג, דער ענטוישטער נאָך די פּאָגראָמען דעמלט, קאָן דאָך נישט מער ליכטיק צעשפּיגלען מיטן אַרום. דעם הימל און דעם טייך דאָ ער קאָן זיי ביידע נישט מער געטרויען; און טשאַטעט נישט אונטער יעדן ברייט־צעצווייגטן בוים עמעץ־ווער מיט אַ שאַרפער האַק? זיינע לויטערע בלוט־טראָפּן צעהענגען זיך נישט מער ווי צעשימערטע טוי־טראָפּנדלעך; אויף יעדן גרינעם גרעזעלע, זוכט ער זיך אין די

„אַלטע בלעטער פון תלמוד,
אַלטע זאָגן און לעגענדן!
אין מיין טרויעריק לעבן
אָפּט טו איך צו אייך מיך ווענדן."

און פרוג געפונט אין זיין פאַרלוירנקייט און פאַרלאָזנקייט דעם יידישן פּאָזיטיוו! נישט זיך, נישט דעם לעבעדיקן איך —, דאָס צאַפּלדיקע פאָלק געפינט ער; העלפן וויל ער, רחמנות האָט ער, אָבער נאָך נישט אויף זיך, ער איז נישט לעבנס פעאיק, אַז ער זאָל עס קענען; ער איז נאָך נישט איינער פון אַלע,

„וו איז אַ ברודער, אַ פּראָסטער
זאָגט מיר, באַווייזט, קלוגע לייט
וו איז די אַלטע, די ווילדע, די נאַרישע
ליבע און טייערע צייט".

ניין, אַנטלויפן צו די „ככל הגוים" קאָן מען שוין נישט מער, דאָרטן קוילעט מען אומרחמנותדיק, דאָרטן שאַכט מען קליינע עופהלעך — ער האָט רחמנות, אָבער נאָך נישט אויף זיך, ווייל ער האָט אים נאָך נישט דעם מענטשליכן יחידישן איך. ווי און ווינט איז צו יענעם ווען זיין גאַנצע לייִדיקייט עפנט זיך אויף אים איינצושלינגען — דער יחיד ראַטעוועט זיך דעמלט אין צרות־רבים, דער קאָנקרעטער נעגאַטיוו ראַטעוועט זיך אין אַבסטראַקטן פּאָזיטיוו; פרוג ווערט דער יידישער נאַציאָנאַלער דיכטער! ער לויפט זוכן שוץ ביי די שטאַרקע העלדן פון די ביבל, ביי די גוואַלטיקע בר־כוכבאס — ער האָט מורא פאַר דעם

איצט, לויפט ער אין ווייטן עבר, האָפט ער אויפן קומענדיקן עתיד. דער איצט אָקומילירט אין אים אין חוזק און שפּאָט — ער גיט אַ מאַך אָוועק מיט דער האַנט, ווייל ער האָט נאָך מורא ס'לעבן אויף אייגענער האַנט אויסצופּרוּוון! איז ער טאַקע אין זיין סאַטירע דערפאַר שטאַרקער, איז זיין שאַפן מער שוין ווי טעמע, ווייל דאָ אין דער סאַטירע איז ער נישט מער נאַציאָנאַל־סענטימענטאַל, ער פאַרמט פונם גאַנצן, פון דעם וואָס ס'איז סוף־כל־סוף דאָ — יידישע איינהייטליכקייט, אייגנאַרטיקייט, חוזק — אָבער דאָך לעבן!

פרוגס דיכטונג איז נאָך פון די ערשטע בלעטלעך פון אונזער יידישער פּאַפּירענער בריק, וועלכע קאָן נאָך פון אַ צושטאַרקן שטורעמווינט אַוועקגעבלאָזן ווערן, ווייל אַ בייזער ווינט איז עס אפשר גאָר געווען, וואָס האָט זיי פון זיין רוסישן לעבענס ווערק אַרויסגעריסן און דאָ אַהער פאַרטראָגן. פרוג איז אַ גרעסערער פאָרם מייסטער, ער האָט אין זיך מער רוטינע ווי איינערליכע דערלעבעניש, ווי שווערקייט פון געפיל און דערפאַר איז זיין דיכטונג מער מאָטיוו ווי לעבן, מער נאַציאָנאַל ווי יידיש — ער איז דער יידישער נאַציאָנאַלער דיכטער!

ער איז דאָס צעבליטע ביימל וואָס מוז ערשט צייטיקן. די צווייטבעכערלעך זיינען שוין אָנגעפולט מיט טוי — מיט די טרערן פון אונזער פאַרגייענדיקן איבערגייענדיקן לעבן...

די ערשטע צוויי פּריוהייטס־קעמפער, ווידער, אין דער יידישער פּאָעזיע, עדלשטאַט און באָװשאָווער, קומען אויך ווי פרוג באַוווסט, אינטעלעקטועל; ווי ער וועגן ציון ריידן זיי צו אָפט אין פראַזן־פערזן איבערן סאָציאַליזם; ביידע יינג אומגעקומענע, וואָס דאָס לעבן איז פאַר זיי נאָך אַ שווערע טעמע געווען, ס'איז איבער זיי אַדורך ווי אַ משא־וואָגן און זיי דערדריקט מיט זייער יינג צאַפּלדיק קעמפערישן לעבן.

מאָריס ראָזענפעלד איז דער ערשטער יידישער און יידישליכער פּאָעט אין אונזער פּאָעזיע, ער איז נישט מער סענטימענטאַל אָדער סינטעטיש, זיין סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם איז אוממיטלבאַר; ער איז דער ערשטער אומבאַוווסטער פּאָעט אין ווענעמס בלוט דאָס יידישע לעבן שפּיגלט זיך געבראָכן ווייל אַנדערש קאָן עס גאָר נישט זיין, ווייל יעדע שפּיגלונג אין פּליטיקן איז געבראָכן און דאָס איז דווקא אַדעקוואַט (צוגעפּאַסט) מיטן יידישן צעבראָכענעם לעבן. מאָריס ראָזענפעלד איז דער מעדיום פון זיין פאָלק — ער איז נישט אינטעלעקטועל, נישט גייסטיק, ער איז אָרעמקייט פון אונזער אָרעמקייט, אָבער אוממיטלבאַר, האַרץ־איבערבערעריש! אונזער סתירהדיקייט גראַמט זיך אין אים צוזאַם אין אַ לאַטע אויף אַ לאַטע — — ער איבערניטשעוועט אונז, אונזער צערים, אין צויטן אַרומהענגענדיקן לעבן, אין אַ נייעם אומ־

געלומפּערטן בגד; טאַקע אָרעם, אָבער נישט בעטלעריש־שנאָרעריש — אַ געטאָקט צערעלע אין די עלנבויגענס, אַרומגעלאַמעוועטע אַרבל, אַ לאַטקעלע אַזוי אויף טשיקאַוועס אויף די אַביסל צו הויכע צעאַרבעטע פּלייצע — אָבער אייגענס! און וואָס פֿאַר אַ שטיקל אַרבעט!! און וואָס איז אַז אַמאָל אַביסל הייניש, איז היינע נישט אונזער אייגנס? די פּאַסטריגעס און די פּערים האָט ער פֿון אייגענעם פֿאַרמאַטערטן גוף געצויגן, פֿון אייגענעם צעפּליישטן לייב און לעבן — זיינע סאָציאַלע לידער זיינען נאָך פֿון דעם מין, ווען מ׳האָט נאָך אַ קאַפּיטל תהלים אַריינגעדזשאָבעט אין אַ נאָט פֿון אַ קאַפּטן! ער, מאָרים ראָזענפעלד, איז איינער פֿון דער חברה תהלים, וואָס שטייט אין זייער שניידעריש שולעכל און זאָגט מיט אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק, וואָס קלאַפּט זיך ס׳האַרץ אויס פֿאַר יעדן שטיקל יתור.

ראָזענפעלד איז געבליבן דער מוכיח אויפֿן מעלעמער פֿון אונזער סאָציאַלער דיכטונג, און דאָך איינער פֿון אונזערע ערשטע יידישע פּאָעטן, וועלכע ס׳איז זיי געלונגען עכטע לירישע פּערזן, פּערזן וואָס שווימען אַרויף מיטן אינערליכן פֿון האַרץ ווי בוימל אויפֿן וואַסער — דער איך ווערט נישט בטל אין דעם ימיקן שטורעם פֿונם לעבן, עס איז פֿאַראייינט אין ליבע מיט אים, מיט אַרום, מיט אַלץ —

„איך ליב דעם ווינט, איך ליב דעם ים,
דען ווי דער ערשטער בין איך עלענד
און ווי דער צווייטער רוישט מיין האַרץ;
איך ליב די וואָלקן, ליב די נאַכט,
דען ווי די ערשטע קאָן איך וויינען
און ווי די צווייטע איז מיין וועלט!“

ס׳איז אַזוי האַרץ־קלאַפּעריש־ריטמיש, אַז מ׳פֿילט נישט דאָס נישט־גראַמען אפֿילו, דעם ווייסן־פּערז אין דעם ליד. אין שטילקייט פֿון זיין האַרץ גראַמט זיך זיין שמערץ אין עכטער ליריק.

ער האָט דאָס יידישע שווערע לעבן אויף אייגענעם לייב דער־שפּירט ווי אַ שטאָך מיט דער נאָדל, ווי אַ ברען מיטן אייזן, דערפֿאַר האָט ער אַ „בלייכער אַפּרייטער“ מיט „אַ וואַנדער־שטעקן אין האַנט“ דעם געוואַלטיקן כח מיט דער זון זיך צו פֿאַרמעסטן און זי גובר צו זיין, מיט זיין ערליכקייט און גערעכטיקייט; מיט זיין פֿאַרביסענעם שווייגן דעם אויפֿגעשטורעמטן ים צו מאַכן דערשרעקן ביז אין זיינע טיפֿסטע תהומות.

ראָזענפעלד׳ס נאַטור איז אמת נאָך אַ בענקעניש נאָך איר, נאָך נישט זי גופֿא, — נאָך נישט אַזאַ אַטמאָספֿערישע, אַזאַ זון־צעציטערטע און שאָטנדיק־געצווערטלטע ווי ביי׳ם עסטעטישן־צאַרטען יהואש, — אָבער ווייל זי איז נישט קיין נעגאַציע פֿונם זיין, פֿון לעבן, נאָר פֿון די אומשטענדן, דערפֿאַר ווערט זי אָפּט דערהויבן צו עכ־

טע דיכטונג, צו אינערליך דערפילטע — דער איצט, דער הווה, דאָס יידישע זיין ווערט אַטריבוט פאַר געפּאַרמטע פּאָעזיע — ס'איז נישט מער טעמע פאַר ליד, ס'איז צאַפּלדיק זינגענדיק לעבן! זיין ריטם האָט אין זיך דאָס געהעצטע יאָגן פון יידישן פאָלק, דער גראַם און דער פערז — איילט איבער שטיין און איבער ביין, פאַלט איינער איבערן צווייטן — ס'איז דער ריטם פון אַ פאָלק וואָס ווערט געיאָגט איבער דער וועלט ווי אַ ווירבל־שטורעם ווינט, דער גאַנצער גרויל און שרעק ליגט אין אים

„אימער ווע ווע ווע
אימער גע גע גע
אימער שפּאַן שפּאַן שפּאַן
כל זמן כח איז פאַראַן".

יאָ, מ'מוז שוין זיין אַליין איינגעפּעדעמט אינם טימל פון מאַשינען, כדי צו בלייבן מיט אַזעלכע עכטע אַרבעטער לידער ווי עס זיינען ראָזענפעלדן געלונגען — ער איז נישט דער אַבסטראַקטער מאָטיוו, ער איז צאַפּלדיק לעבן! מ'מוז שוין זיין איינגעוועבט אינם לייד פונם מענטש, כדי מיט אַזאַ נאַאיווקייט און אין תוך גענומען נעגאַטיווקייט דערהויבן צו ווערן צו עכטער דיכטונג.

ביי מאָריס ראָזענפעלדן גייט נישט אָן די סתירה פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דיכטונג, ווייל ס'איז שטיקער יידיש וויטאַקדיק לעבן, שטיקער מענטשליכע נויט, ווי שטיקער אָפּפאַל וואָס ליגן אונטער אַ שניידערישן טיש, אוממיטלבאַר דערלעבט און אומגעקינצלט, שנעל אויף אַ טאַנדייט־מאַשין צוזאַמענגעהאַפּטן, ווייל דער באָס, דאָס לעבן שטייט אונטערן רוקן און יאָגט און העצט — יאָ, ראָזנפעלד האָט נאָך אין זיך די באַזינגעניש־טראַדיציע אין אַ גאַר נישקשהדיקער מאָס, אָב דער לוסטיקער שניידער־געזעלן־יונג ביים איילנדיק זינגער־מאַשין־רעדל יאָגט עס פון זיך מיט אַלע זיינע פאַרמאַטערטע כוחות; און דער פייערדיקער אויסטייטש פונם קעלעמער מגיד טראָגט אים שוין נישט אויפן רבינו בחי'ס אויסגעשאַרפטע פליגל פון אַ פסוק, נאָר אויף דעם עטישן פּאַטאָס, טיילמאָל, פון עמוס'ן נאָך גירשנטן — אַלענפאַלס רייט ער שוין אויפן געפליגלט פיגאַזיס...

מאָריס ראָזענפעלד איז דער ערשטער יידישער פּאָעט וואָס האָט אָנגעהויבן אונזער צעריסן לעבן שטיקער־וויז צוזאַמענצוהעפטן, אונזער נאָקעטקייט צו באַקליידן — זיין דיכטונג זיינען די ערשטע צוזאַמגעהעפטע פייגנבלעטער אונזער חרפה צו פאַרדעקן. מיט די לידער פון מאָריס ראָזענפעלד איז ווידער דער יידישער מענטש צעבליט געוואָרן מיט איינגענער בענקעניש ווי אַ שטאַם מיט זיינע צעקנאָספּעטע צווייגן דאָס „פינטעלע ייד" איז נישט מער עפּעס אַ שוואַרץ פינטעלע אַ פאַר־

לווירענעם פון א פליג אינם סידור — ראַזענפעלד זוכט זיך שוין נישט כסדר צו שיצן צווישן די ביבל גבורים, און תלמוד־לעגענדעס; ער גע־פונט זיך צווישן דעם געוויש פון מאַשינען, דאָס לעבן גופא איז פאַר אים א לעגענדע! וואַרפט דען דער גרויסער אָקעאַן נישט מיט אים, ווי דער סמבטיון מיט שטיינער! ? ראַזענפעלד, דאָס אָרעמע פישער־ייִנגל פון דאָרף באָקשאַ, ערגעץ אין א העק אין סוואַלקער גובערניע, געפונט שוין זיינע ראָמאַנטישע כלות אין די אַמעריקאַנישע אַלעגיינע בערג, אין די קוילן־מינען, זיין רעפריין איז נישט מער דער פאַרצווייפעלטער אל־מלא־רחמים־אויסגעשריי:

„ברידער שוועסטער האָט רחמנות
גיט די טויטע אויף תכריכים"

ווי א „לייב" אין דער וויסטעניש קעמפט ער זיך אויס אויפן „בוזעם פון ים" און „צווישן רויש פון מאַשינען" — ער איז בלוטיק באַטייליקט אין זיין אייגן לעבן, — און זיין לעבן איז אומגעקינסטלט־עכט האָראַ־פּאַשנע־פּראָסט תמימותדיק מענטשליך

„איך האָב א קליין ייִנגעלע
א זינעלע גאָר פיין
ווען איך זע אים דאַכט זיך מיר
די גאַנצע וועלט איז מיין"

זיין לעבן איז זיין טאַלאַנט — זיין שרעק, אז ער זאָל חלילה אין זיין שווערער אַרבעט נישט דערשטיקט ווערן (ווי גרוים ווערט דעמלט א פאָלק, ווען ס'קאָן נאָך אזא שרעק האָבן!) ער קעמפט מיט זיין באַרוף, אי מיט די נאָדל, אי מיט די פעדער, ווייל ער איז א באַרופענער, יאָ, דורכן לעבל פון די נאָדל איז ראַזענפעלד געקומען אין קעניגרייך פון תפ־ארת שבתפארת! ס'איז עמי אנכי בצרה! מיט ראַזענפעלדס דיכ־טונג, ווערט די יידישע ליטעראַטור תהלהדיק און הייליק.

מיט די צוויי ערשטע עכטע פּאָעטן אונזערע, מיט פרוג און ראַ־זענפעלד, הייבט אָן אונזער פּאָעזיע צו ווערן דיכטונג — דאָס בלוט פון יידישן פאָלק רעדט דורך זיי; פונם ערשטן דאָס בחנם פאַרגאָסענע אין הריגות און פּאָגראָמען, דאָס בחנם אוועקגעשענקטע אויף פרעמדע מזבחות, (דער עבר, דאָס פאַרגאַנגענע) פונם צווייטן, דאָס אויפברוי־זענדיקע, דאָס צום לעבן פולסירנדיקע, דאָס וואָס בלייבט אין הארצן שטיל אין מיטן געבעט. ראַזענפעלד, דער הווה, דער איצט, איז א לעבעדיקער טייל פון אונז, א ווייענדיקער בוים אין ווינט, דער יידישער דיכטער ווערט שוין א באַטייליקטער אין דער גאַנצער ווייענדיקער וועלט!

אפילו זיין סאַטירע איז אַן אַנדערע ווי ביי פרוגן, ער שפּאָט נישט, ער מאַכט נישט קיין חוזק — ביי אים איז עס נישט אויף קאַטאָוועס

זי איז שוין א דירעקטע, וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג — ווייל ער גלויבט שוין אין אונזער לעבן און וויל עס ענדערן — ער מעג זאָגן גלייך אין פנים אריין, ווייל ער איז באַטייליקט אין אונזערע חס־רונות, ער איז איינער פון אונז. נישט ערגעץ הויך אויפן פּאַרנאַס זיצט ער — אין סוועט־שאָפּ מיט אַלע צוזאַם, אַ טיילכל פון דער מאַשין, אַ טייל פון אונז — מיט ראָזענפעלד זיינען מיר שוין פּאָזיטיוו אינם לעבן, שווער און ביטער, דחקות און נויט — אָבער נישט שפּלדיק נישט הולך על גחונדיק צוריק צו די אַלטע קוואַל — ווען ער שרייבט ביבליש איז שוין געפאָרמטע שיינקייט: עפּישע באַלאַדן, לירישע פּאָעמען—גע־פאָרמטע שטיקער ירושה! פאַר פרוג איז די ביבל לעבן און דאָס יידישע לעבן טעמע, פאַר ראָזענפעלדן איז זי בלויז נאָך מאָטיוו — די באָבעס זיידענע זשופּע ווערט איבערגעניטשעוועט אין אַ מידער אַ גע־פּאַסטן פאַר זיין געליבטער. יאָ, פאַר זיין יידענע

„דאָך ליבע איך נישט שולמית
איך ליבע מיין זיסע זעלדע
ווייל זעלדע איז לעבעדיק
שולמית אַ געמעלדע

ער מוז זיך שוין שניידעריש לאַבעדיק פאַרענפערן, וואָס ער באַשעפ־טיקט זיך צופּאַט מיטן ביבל־מאָטיוו; זיינע יידישע יום־טובים ווידער זיינען די היימלעכקייט פון דער יידישער שטוב שטילענדיקע וואַרעמ־קייט פון יידישען הארץ ס׳איז נישט מער דער יידישער עבר, זכרונות לידער, יאָרצייט־פלעמלעך, ס׳איז דאָס רעליגיעזע היימישע געפיל

„ס׳זיינען יענע הייליקע ליכטעלעך
וואָס דערציילן געשיכטעלעך"

און ער, מאָרים ראָזענפעלד אַליין, איז ער נישט אַ הייליק ליכטעלע, וואָס אַלע ווילדעסטע שטורעם ווינדן האָבן עס נישט אויסלעשן גע־קענט — ס׳איז איינס פון יענעם ניסים ליכטלעך מיט וועלכע די בייי־מער פלאַמען אויף, ווען די וואָרצלען האָבן זיך מיט ערד באַהעפט און די צווייגן שטעקן זיך בענקענדיקע צו דער זון. ראָזענפעלדס דיכטונג איז שוין דער צעוואַקסענע שטאַם אין וועלכען אונזער מאָדערנער פּאָ־עזיע זאַפּטיקט מיט צייטיקייטן. ער איז דער עכטסטער און בלייבט דער שטאַרקסטער פון אונזערע דריי פּאָעטן־קלאַסיקער: פרוג, ראָ־זענפעלד, יהואש. דער ערשטער און דער דריטער,ביידע זיינען גרעסערע עסטעטיקער, אינטעלעקטועלער געווען פון אים, ער אָבער, מאָרים ראָזענפעלד, ווייל ער איז איינער פון פאָלק, אַן ארויסגעוואַק־סענער פון דער מאַסע, אַ האָראָפּאַשניק זיך ענטוויקלט און געצייטיקט צום פּאָעט, בלייבט ער דערפאַר דער אָנגעזעענסטער אינם חוט־המשולש פון אונזערע קלאַסיקער פּאָעטן.

# דער נייער טאָן

דער באַוווסטער און האָרעפּאַשנער רוסיש אוקראַיִנישער ייִד — כאָטש נישט געבונדן אין אַ טעריטאָריאַלער איינס, אָבער אַ קולטורעלער איינהייט! — דער זון פון נחמן ווערעביוועקער און פון טביה׳ס אַ טאָכטער, איז געווען בכח, ווען די רוסישע רעוואָלוציע איז געקומען, באַשטיין צו בלייבן אין אַ נאַציאָנאַלער גאַנצקייט, זיך צו באַטייליקן ווי אַן אייגענער אינדיווידועלער טייל אינם רעוואָלוציאָנערישן קאַמף און שעפערישקייט און מיטצופילן און מיטצופרייען זיך אין אירע ווייען און פריידן; טראָץ די אַסימילאַטאָרישע געפאַרן און טענדענצן פון אַ לינקער פראָלעטאַרישער איבערטרייבונג.

אַ קולטורעלע אייגנאַרט און אַ ליטעראַטור, אַזוי בולט שוין מיט פּנים׳ער פון איין זייט, און די מאַסע אין די יידישע שטעט און שטעטלעך מיט האָראָפּאַשניקעס און פאָלקס־מענטשן אין די קלובן פול געפּאַקטע מיט יידיש־רײדנדיקע יוגנט און היימישן ברען פון דער אַנדערער זייט, זיינען געווען פּאָטענציאַל בכוח און בפועל ממש צוגעגרייט אַנטייל צו נעמען אין דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, ווי אַן איינהייט, ווי אַ גאַנצקייט; אַז פון זייערע קעמפּענדיקע רייען אַרויס זאָלן זיך קאָנען באַווייזן, אין יענע יאָרן, אַזעלכע טאַלאַנטירטע פרישע כחות, אָנגעזאַפּטע מיט קעמפערישע אַטמאָספערע און פּאַטאָס און מיט אייגענעם אינערליכן שטוים, ווי איציק פעפער, אַ פּרץ מאַרקיש, אַ קוויטקאָ און נאָך און נאָך.

יאָ, ווי פון די פּאַטראָנען־קעסטלאַך, וואָס הענגען אַרום אויף זיין סאָלדאַטסקן פּאַסעק, וואַרפט פעפער אַרויס פון זיך זיינע שאַרף־געשפּיצטע און געשליפענע פערזן און זיי טרעפן אין פינטל, ווייל זיי זיינען פול מיט דינאַמיט — זיינע דינאַמישע לידער דעמלט זיינען ווי צינדשנירן די וועלט אויפצורייסן! יאָ, ווי דאָס שרויטן־געשיט פון פייקל־שטעקעלעך, וואָס רופן צום אויפמאַרש, איז געווען זיין יאָגנדיקער ריטם, זיין קורץ־אָטעמדיקער און האַסטיק זיך פאַרקייכנדיקער — באַרג אַרויף! אַ געראָטן יאַטל פון יענע, אין פיין און נויט געהאָדעוועט „זאַלבע אכט" אין אברהם רייזענ׳ס וואַרעם טוליענדיק האַרץ, אונטער זיין גרויען זאַפּאַסנעם־שינעל.

און פּרץ מאַרקיש — יאָגט ער נישט מיט זיין באַטשופּרענעטן קאָפּ פאָראויס ווי אַ טשערקאַס אויף זיין פלינקן פערד, אַ באַשפּיקעוועטער מיט סטראָפּעס און מעטאַפערס? און ווערט דאָס פערד פון צווישן זיינע פיס אַוועקגעשאָסן קומט אַ צווייטס אונטערגעלאָפן — און וויי־

טער גערימן ! און מיט וואָסער יידישער עקשנות ! ער, מאַרקיש, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן באַפליגעלטן פּיגאַזוס, אָבער נישט אויפן אָלימפּוס אַרויפצוריַיטן — זיַין פלאַטערדיק האַרץ האָט זיך געריסן אַרום „די קופע" הרוגים און מתים פון שחיטות און בהלות, חמרים גע־קוילעטע און געהרגעטע, וואָס האָבן זיך געהויבן ביז'ן הימל אַריַין, אים איַינצוברעכן.

און ווי איז ליַיב קוויטקאָ דעמלט געזעסן אַרום די טיַיכן פון בלוט, ביַי די ברעגעס פון זיַין לעבן, און אָדערן־סטרינעס געצויגן פון זיַין ליַיב, דאָס פּיצינקע פידעלע צו קענען נאָך אפשר פּערטיק מאַכן פאַר זיַין קינד... אַז ס'זאָל געזונטערהייט אויפוואַקסן צו גאָט און צו ליַיט, נישט אויפגעשראָקן צו ווערן פון דעם בלוטיקן דרויסן פאַר זיַין טיר. — אָ, יענע רירענדיקע לידער דעמלט פון דעם יונגן פאָטערליכן קוויט־קאָ, אַ האַרץ־דערקוויקעניש אין יענע שווערע חבלי־לידה־טעג.

און פאַר אונזער נאָך יונגער פּאָעזיע דעמלט, קוים ערשט אָנגע־הויבן צו מאַכן אירע ערשטע שריט ? — רוסיש־פּוילן, אָקאָרשט באַ־פריַיט פון די היינישע איַינפלוסן און לערמאַנטאָווישע טעמעס און שוין פאַרבינדט זי זיך דעם שניפּס אַלאַ סלאָוואַצקע, איַינשטודירענדיק דעם העפליכן ריטער־קניקס פאַר „אסתר'קן" און דעם „שוחטס טאָכ־טער" ; און אין אַמעריקאַ האָט דער דעקאַדענס שוין געאיכעוועט אין דער שוסטער־גאַס ! — איז באמת דער נייער טאָן, דער דינאַמישער אימפּעט געקומען ווי אַן ענטפּלעקונג, ווי אַן אומבאַדינקטע נויטווענ־דיקייט, ווי יענער אַקומילאַציע־כוח וואָס זאַמלט יונגע שעפּערישע־קרעפטן, נישט לאָזן זיי איַינשלאָפן אין זיסליכע נירוואַנע־טרוימען, וואָס וועקט צו פרישן דינאַמישן לעבן.

רעוואָלוציעס, וואָס זיי זאָלן נישט זיַין,וואָס זיי זאָלן נישט באַ־צוועקן, אָדער באמת אויפטון, פאַר די שעפּערישע כוחות, וועלכע דער־לעבן און לעבען אַדורך זייער סטיכע איז עס זיכער אַ פרישער אויפ־ברויז, אַן אָטעם־פאַרכאַפּענדיקער, און אַ נייער בלוט־צופיר איז עס צום אָבגעשטאַנענעם פאַרמאַטערטן האַרץ.

און די נייע דיכטער דאָרט האָבן דייטליך באַוויזן און מיט זייער יונגען מוט און געוואַגטקייט עס קלאָר געמאַכט, אַז יידישע ליטעראַטור איז נישט אָפּהענגיק פון אידעאָלאָגיעס און אומשטענדן, אַז יידישע שאַפונג איז נישט געבונדן דוקא מיט קאַבצאַנסק און בויבעריק, אַז יידישער פּערז ווערט נישט געשמידט נאָר אין פּאָליש אויף דער קייט — יידישע קונסט און ליטעראַטור קאָן זיַין שעפּעריש ביַי אַלע אומ־שטענדן און מעגליכקייטן ! אונזער לעבן גופא איז געגוג איַינגאַר־טיק און פּאָטענציעז תמיד צו קענען אַרויסברענגען פון זיך שעפּערי־שעס ! ספּעציפישע קונסט אויף אַ געווּיסן ניוואָ האָט שוין אין זיך

גופא איר אייגענע אַטמאָספערע! און אונזער עבר איז שוין אין זיך אַזוי טיף פאַרזונקען אין אונזער בלוט, אַז די געגענוואַרט אונזערע איז שוין פון זיך אַליין אַ יידישליכע — ס'איז דער וווּנדער פון אונזער עק־זיסטענץ. און אפשר איז זי נישט ווייניגער עתידיק ווי באַנדען־געבונ־דענקייט! דער יידישער רויט־אַרמעער גלייכט אויס זיין געבויגענעם רוקן אַריינבאַקומענדיק די ביקס אין זיין האַנט! און פון דער האַרטער בית־המדרש באַנק אַראָב ווי רייט זיך דאָס געשמאַק אויף אַ פריש גע־זאָטלטע פערד! דער יידישער קרעמער און לומפּענפּראָלעטאַריער ווערט אַ נוצליכער אינדיווידיום אינם קאָלעקטיוו און שטייט נישט אָב אין זיינע געוועטן — אַז זיי האָבן עס בפועל באַוויזן האָט עס דאָך גע־מוזט זיין אין פּאַטענץ!

און ס'איז געווען: פון יענע כערסאָנער יידישע דערפער דעמלט, פון ווו פרוג איז געקומען צו אונז אַ פאַרטרעטער־פּאַרטרוימטער, פון ווו דוד האָפשטיין איז געקומען, ווי העראָלד און פאָרלויפער, מיט שטי־קער הימל־אויפגיי איבער זיין פאַרנעפּעלטן צוטומעלטן קאָפּ און מיט שטיקער ערד אונטער נאָך זיין וואַקלענדיקן ווייכן טראָט, מיט פרישע נאַטור־שפּירונגען און מיט נייע בילדער אויף ווייט צוצונדענעם, שריי־פה־צעפלאַמטן האָריזאָנט.

און אַז חרוב זיינען די הייזער, וויסט און פאַרברענט,

„קיין דאַך, קיין וואַנט און שוועלן אומעטום".

ווי קאָן מען אַ מזוזה דעמלט אָנקלאַפּן! אַז נאַקעט און הויל איז דער גוף און כפול־שמונה'דיק איינגעדרייט פון הונגער און נויט ווו אָנ־מאַכן די טלית־קטן'דיקע ציצית? און אַז יעדער ביין פון דער ביעדרע איז צעקאַליעטשעט און צעבראָכן בלייבט דאָך שוין איבער נאָר דאָס האַרץ אַליין. — —

און ווי ס'רייסט זיך דאָס פון זייערע הערצער גליענדיקע לאַוואַ צום הימל שרייענדיק! אָבער שוין שטיקער כאָאָס פאַר שעפערישן וווּקס און איבערפלוס, פול בלוטיק געשען פון ווילדער וויזיע — — — —

באמת עס זיינען זייערע היינטיקע טעג דאָרט נאָר אַן אָפּשפּיג־לונג פון זייערע פיבערדיקע מוחות, פון זייערע שגעון־פאַנטאַזיעס, שוין דעמלט דורכגעליטענע און נסיונדיק און מסירת־נפשדיק אויסצוהאַלטן — דעם טויט האָבן זיי געקוקט אין פנים אַריין און אים בייגעקומען דעמלט שוין!

און ס'איז יידישע טעמע נישט בלויז יידיש געסל און בית־מדרש־הויף און וואַנדערשטאָק מאָטיוו — ברייטער ווערט זי אויסגעקעמפט אויף שלאַכט־פעלדער און מיט געלאָדענער ביקס אין האַנט! ווי אַ בויגן אָפּצושיסן זיינע פיילן צום ווייטעסטן ציל, אַזוי האָבן זיי גע־

בויגן אונזער שפּראַך פאַר זייערע נייַע בילדער און ווערטער. נאָך איצט — נייִן, שוין איצט! — שטייט מען פאַרווונדערט פון זייער געוואַלדיקער קראַפט און געוואַגקייט! ווי טיף און שאַרף האָבן זיי געמוזט דערלעבן דעם ווייַ און די פרייד פון יענע פייערדיקע טעג. — וועט אונזער פּראָזע קענען פאַרדייען די דינאַמישקייט און עפּיש פאַרוואַנדלען איר באַוועגליכע בילדליכקייט? דאָס איז דאָך איר אויפגאַבע די כאַאָטיש־לירישע שפּירונגען צו פאָרמען. ס'איז צו גראַנדיעז דאָס צו קאָנען האָפן און גלויבען! אָבער, אַז מיר ווילן לעבן בלייבן, ווי אַ שעפעריש גייסטיק פאָלק, מוזן מיר דאָס באַווייזן! אָ, די פאָרם־לאָזע צעבראָסטעטקייט פון יענע אָפּגעריסענע טעג — ווי משוגענע הינט, צעבילטע, אָבגעריסענע פון זייערע קייטן! זיי שטייען מיט זערע ווילדע קעפּ, אויפגעבראָכן צו ווערן אונטער דעם שווערן האַמער פון דער צייט! — מיט אור־ביבלישע מ'קאָן זיי אפשר פאַרגלייכן; אָ, זיי זיינען אַזוי נקמהדיק בלוטיק, אַז ס'איז נישט קיין בלאַספאַמי: טויט און גנאָד גייט האַנד אין האַנד — — —

אָ, יענע צעבראָסטעטע טעג זייערע! ווי נעבעכדיק, ווי טליתקטנדיק, וואָלט אונזער נייַע פּאָעזיע געוועזן געבליבן אָן זיי. און ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען איז עס דאָך אַזוי: די יונגע יידישע פּאָעזיע האָט גראָד אין יענע רעוואָלוציע יאָרן ווידער געפונען דעם וועג, — פון אונזער פאָלקס־ליד־מאָטיוו! — צום ברייטן ברויזנדיקן שליאַך, וועז נישט פון און צו אונזערע ביבלישע נביאים איז עס לכל הפחות צו דער קראַפט פון די אַפּאָקאַליפּטישע רייטער — —פון די צושטערטע שטעדטלאַך אַרויס, פון די פאַרוויסטע היימישקייט זיינען זיי די יאַטישע בראָדיאַגעס, די צעזונגענע כאַלאַסטרע, די ערשטע סאָוויעטישע יידישע דיכטער, אַרויסגעריטן מיט טויט און פאַרוויסטונג און מיט שאַפונגספרייד פאַר נייַעם אויסדרוק און פרישע מעגליכקייטן, ווי וויַיט זיי האָבן דערגרייכט און וועלן נאָך דערגרייכן? מיר גלויבן עס!

איינס האָבן זיי זיכער באַוויזן, אַז די שעפערישקייט פון אונזער נייַע ליטעראַטור האָט שוין איר אייגענער אַטמאָספערע, נישט אָבהענגיק אין פאַרענדערטע אידעאָלאָגיעס און אומשטענדן, און אַז אונזער יידיש לעבן איז גענוג אייגנאַרטיק פּאָטענציעז, תמיד ווידער אַרויסצוברייגנען פון זיך נייַעם און שעפערישעס.

# אונזער ווייטערדיקער וועג

# דער ווייטערדיקער גאַנג פון יידישן שאַפן

מיר ווייסן עס גענוי: די אָביעקטיווע פאַרהעלטעונישן, די דרויסנדיקע וועלט, הן די פּאָליטיש־סאָציאַלע, הן די יהודיש־קהליש׳ע און אפילו די אַזוי גערופענע „יידישע עפענטליכקייט“ זיינען נישט פאַר אונז און נישט מיט אונז; אויך די סוביעקטיווע מעגלעכקייטן זיינען נישט אויף אונזער זייט — אַ פאָלק, אַ צעריבנס און געטריבנס, וואָס וויל זיך בכל אופן ראַטעווען, וואָס זיין שאַנס, טאָג אויס טאָג איין, דור אויס דור איין, איז דאָס לעצטע די איינציקע שטרוי אין איר זיך אָנצוכאַפן — אַזאַ פאָלק גייט שוין אויף אַלצדינג איין אַבי צו בלייבן כאָטש ביים נאַקעטן ביסל לעבן. מיר זיינען זיך אין דעם אַלעם גאַנץ קלאָר און טרויעריק באַוווסט.

אָבער אויך שוין פאַר 50 יאָר צוריק, אין אָנהייב פון אונזער באַוווסט־ווערן, ווען פרץ האָט געשריבן זיין ערשטע דיכטונג — אין מבל פון יידיש בלוט האָט זיך „מאָניש“ אויף שפּיץ פון „הר־אררט“ אַפּגעראַטעוועט! — ווען מיט זיינע ערשטע נאָוועלן שלום־עליכם האָט זיך ווי אַ לאַך־טויב מיט אַ ליכטיקע בשורה אַדורכגעטראָגן אי־בער די בלאָטיקע יידישע גַעסלעך; ווען מענדעלע האָט געצויבערט זיין „ווינטשפינגערל“ און פאָרל נאָך פאָרל זיינען אַרויס פון זיין תבה־בויד אַלע חיות טהורות און טמאות, אפילו דער פּיפּערנאָטער האָט נישט געטון טון פעלן —

שוין דעמלט זיינען זיי זיך גענוי אין אַלצדינג באַוווסט געווען! אָבער די גאַנצע רבותא פון ליטעראַטורע איז דאָך, וואָס איר כוח שטעקט דוקא אינם אומבאַוווסט־זיין! דער פּאָליטיקער מיט זיינע פועל־יוצא׳ס, דער כלל־טוער מיט זיינע סך־הכלען, דער פאַרקאָכטער קהל־מענטש, זיי אַלע זעען דאָס וואָס ס׳איז, דאָס אָביעקטיווע, דאָס בשעת־מעשה׳דיקע, און ווען שוין גוט, אויך דאָס סוביעקטיווע, דאָס מאָמענטאַל־נויטיקע, דאָס נוצליכע — דעם שאַנס! די נביאים אָבער שפּירן די געפאַרן, דאָס בייזע לויערנדיקע, וואָס קומט אָן און בעטן און וואָרענען און אינם גרעסטן יאוש, בשעת גסיסה שוין, צעשוימען ציטערדיק זייערע ליפּן מיט אומשטערבליכער נחמה; און די גרויסע קינסטלער שפּירן די זאַפטן פון זייער פאָלק אין זיך, די לעבעדיקע נערנדיקע קוואַלן אונטער די וואָרצלען, זיי שפּירן אין זיך די שמעקע־דיקע זשיוויעצע פון זייער שטאַם — און זיי אַליין ווערן די גרויסע שאַנס, די איינמאָל געגעבענע!

און וואָס וואָלטן מיר געווען און וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטן מיר דען געהאַט, אָן די 50 יאָר פון דער יידישער ליטעראַטור? אין ניוועץ וואָלט אַלץ געווען! טויזענט יאָר ליידן אויף אייראָפּעאישן באָדן, טויזענט יאָר זוכן אַ טפח־ערד דאָ אונטער די פיס — אַ נעבעכדיק, הויקערדיקער מה־יפית־טאַנץ וואָלט געווען אַלץ וואָס ס׳וואָלט געבליבן נאָך אונז!

פאַר 50 יאָר צוריק האָבן אונזערע גרויסע קינסטלער, די קלאַסי־קער פון אונזער ליטעראַטור, אינערלעך דערשפּירט די פרישע כוחות פון יידישן פאָלק אויפן אייראָפּעאישן באָדן. אונטער די צעריסענע קאָרע האָט דער יידישער שטאַם ווידער דערפילט די זאַפטן וואָס זיינע וואָרצלען האָבן אין די טיפע פינסטערנישן דאָ קולט געווען אין זיך — דער ליטוואַק, דער קאָפּ מענטש, דער האַרציקער אוקראַיינישער ייד און דער פּוילישער, זאַפטיקער, זיינען נאָר טיילן פונם בוים וואָס האָט געצייטיקט מיט זיינע פּירות. און וואָלט דען מעגלעך גע־ווען אַ נאַציאָנאַלע יידישע קאָנצענטרירונג מיט פּאָליטיקער און כלל־טוער אָן די צענויפגעזאַמלטע לעבעדיקע כוחות; און וואָלט דען מעגלעך געווען דער גרויסער צושטייער אונזערער אין דער סאָציאַלער באַוועגונג אָן דעם מענטשליכן באַוווסטזיין וואָס זיי האָבן געוועקט אין אונז און געשטאַרקט.

מיט אונזערע קלאַסיקער האָבן מיר זיך אויפגעהערט צו „שטעלן אויפן פּסוק" — ווי יענע פרעמדלענדישע פייגל, וואָס שטייען רק אויף איין פוס, כל התורה אַזוי אויסצולערנען און ווייטער צו פליען; מיט אונזערע קלאַסיקער האָט די פלאָרא פון אונזער ליטעראַטור אויפ־געהערט צו זיין אַ טראָפּישע, אונזער פאַנטאַזיע אַ פאַטאַ־מאָרגאַני־שע; נישט דער סודות־פּועלער „חקל־תפּוחין" — די צעוואַקסענע סע־דער האָבן גענומען ווינקן מיט רויטע זאַפטיקע עפּל! מיר האָבן אָנ־געהויבן צו שפּירן דעם באָדן אונטער די פיס און דער „מה נאה אילן זה" איז געוואָרן אַ טייל פון אונזער לעבן; די אַטמאָספערע פון דער שטילער אייראָפּעאישע לאַנדשאַפט האָט אונז גענומען באַרואיקן, אי־רע צווייגן האָבן צעפאָכעט דעם פיבער פון אונזערע צעהיצטע קעפּ. מיר זיינען אַדורכגעדרונגען געוואָרן מיט נאַטור־שטימונגען פון אַ ניי־עם ארט, מיט פּוילישער לאַנדשאַפט, מיט אוקראַיינישן בין השמשות־הימל — דער שכינתא־בגלות־צער האָט באַקומען אַ נייעם טאָן, דעם טאָן פון „סמוטני מי מוי באָזשע"! ער האָט אויפגעהערט צו זיין נאָר הימליש, ער איז געוואָרן ערדיש; מיט אונזערע קלאַסיקער זיינען מיר אויס געוואָרן ללעג ולקלס — מענטשן וואָס האָבן אין זיך נאַטור, זיינען מענטשן מיט אַלעמען גלייך! מענטשן וואָס שפּירן אין זיך נאַטור כוחות און נאַטור געזעצן, זיי זיינען נישט מער דערנידריקטע

פון אנדערע באהערשט צו ווערן, זיי האבן אין זיך די זעלבע נאטור כוחות און הייבן אן צו קעמפן, צו לעבן, און מיט שטארקן ווילן זיך אנצושטרענגען ווייטער צו לעבן.

און צו די קלאסיקער געהערט אויך שוין דער צווייטער דור פון אונזערע שריפטשטעלער דיכטער און דראמאטיקער — האט דער ערשטער דור אויפגעאקערט מיט „דער סאבע" און „מיט מזל ברכה" שווערן הארטן באדן, האט דער צווייטער אים פארזייט און צום „הזורעים בדמע" איז געקומען דער „ברינה יקצורו" — די יינגלעשע נאטורפרייד פונם יידישן „שטעטל" פון „די גרינע פעלדער" — דער „טאטע מיט בנים" ווינט שוין נישט אין „טוניע־יאדעווקע" — זיי קייען שוין אויף ביידע באקן, אז די שלייפן קאנען נאך פלאצן פון דער אכילה! און אין „קוילער געסל" איז זייער ווייט פון גלות השכינה, און „אייזעק שעפטל" רעכט נישט אן מער קיין „חצות"! מיר זיינען שוין געווארן א לעבעדיקע „משפחה", א ברייט צעוואקסענע. דער יידישער מענטש איז א טייל פון דער קעמפענדיקער מענטשהייט, מיט אונזער אקארשט דערוואכענדיקער דיכטונג נעמען מיר שוין אנטייל אין די אביעקטיווע סאציאלע ענדערונגען — נאך איידער דער ערשטער דור יינגע יידישע פאעטן שטעלן זיך אנידער ווי די שלוחי־ציבור פאר עמוד צעקלינגען שוין די „קירכען גלאקן" איבער יידישן שטעטל. און דער דריטער דור מאדערנער פראזאאיקער, וואס דרייען זיך שוין ארום „ארום וואקזאל", וואס זיינען שוין מיט איין פוס ארויס פון דער יידישער גאס, זיי דוקא סוביעקטיווערן אין זיך און פארטיפן זיך אינם מקור און אין מהות פון דער יידישער פסיכיק. און יידישע נוסח פאר גאלע שיינקייט וועגן — ס'איז קעמפנדיקער אטריבוט, וואס בלוטיקט, וואס מארשירט, וואס זוכט מיטלען, נאאיוו און גלוסטיק, ווייטער צו קענען לעבן.

שטייען מיר איצט אין אלע כנפות־הארץ, אין אלע עקן פון דער וועלט, מיט מייסטער פון יידישן ווארט, מיט שטארקע קינסטלער וואס באהערשן יעדע סיטואציע. אונזער צער און אונזער האפנונג, אונזער גלויבן אין זיך און אין מענטש, אפילו נאך איצט, וועט שוין ביי שלום אש'ן בלייבן ווי א טרייסט פון אונזער צייט — זיינע יידישע מאמעגעשטאלטן וועלן שוין אליין טון אונזערע לעבעדיקע אפצוראטעווען, זיי וועלן שוין זייער לעצטן טראפן הארץ־בלוט אוועקגעבן אונז ביים לעבן צו דערהאלטן. און דוד בערגעלזאן, אונזער פראזע מייסטער, אין סאוויעט רוסלאנד, אויף וועם יעדער יידישער פאליטיקער, וואס האט נאך עפעס א סימן פון א פיאה, אדער קאן זיך אויס אויף צורת־המטבע, האט שוין לאנג געגעבן א בטלניש בטילדיקן מאך מיט דער האנט אויף ביסל יידן דארט! אויף אים קאנען מיר זיך שוין פארלאזן—א, וועט ער אונז נאך געבן א „נאך אלעמען"!

און ווו איז דער קוואַל פון אונזער גאַנצער נייער פּאָעזיע, ווען גישט פון די נאָך־רעוואָלוציע דיכטער דאָרט, וועלכע האָבן דעם מעכ־טיקן כוח אין זיך דערפילט, אַז די צייט איז געקומען, די אַלע דייטש־מערישע און נעאָ־ראָמאַנטישע איינפלוסן פון זיך אָרופּצוואַרפן און אויפסנייַ אָנצוהייבן — דער נייער אויפברוך מיט דעם אין זיך פאַר־טיפטן דוד האָפשטיין, דעם באַוועגליכן פּרץ מאַרקיש און די שטאָבי־לע קעמפערישע פעפער און באַריק.

און אין אַמעריקע אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה און דער־נאָך, ווי האָט עס דאָרטן וואָרצלען געשלאָגן — איך וויל נישט דאָ ריידן פון אונזערע שוין באַקאַנטע גרויסע שרייבער און אהינ'געקומענע שוין דאָרט פאַרטיקע פּאָעטן ווי יהואש און רייזן א.א.וו., א.א.וו. — האָט דאָך נאָך שלום עליכם אויף זיין עלטער דאָרט אָנגעשפּאַרט די „שמר'יאַדע" דעם לעצטן קלאַפּ צו געבן! — נאָר מיטאַמאָל האָבן זיך דאָרטן אַמעריקאַניש־געוואַלטיק, הימלקראַצעריש, „די פּוילישע וועלדער צעוואַקסן און „דער גולם" האָט גענומען אומגעלומפּערט שפּאַ־נען אויפן „בראָדוויי" אַז אַ מורא איז באַפאַלן די יהודימלעך. און האַלפּערן האָט אויפן גרויסן שטייגער פּרערעאיש געבראַדיאַגעט און די „גאָלדענע פּאַווע" האָט אים כסדר פון הימל אַראָפּגעוואָרפן אירע „גאָלדענע ליבע־בריוועלעך"

ווער האָט אזוי פיל פינגער אויף זיי אויסצורעכענען אונזערע יידישע טאַלאַנטירטע וואָרט־קינסטלער פון אויף יענער זייט ים איצט — מ'מוז שוין זיין אַ בודא מיט הונדערט הענט' עס צו קענען!

און פּוילן און רומעניע! די אויגן זייַנען פול מיט טרערן אויף דעם וואָס דאָרן טוט זיך איצט און אָט פאַלן גאָר די טרערן אַזעלכע ליכטיקע פריידיקע איבער די פרישע שורות וואָס שרייבן זיך אין אָט־אָ די לענדער. רומעניע, וואָס ביז פאַרן קריג און נאָכן קריג האָט מען קוים געהערט פון עפּעס אַ זבאַרזשער־טראַדיציע, האָט איצט אַ שטאַר־קע גרופּע פון פּאָעטן און פּראָזאַאיקער, וואָס אין איר שפּיץ שטייט אַזאַ אָנגעזעענע פּערזענליכקייט ווי שטיינבאַרג, מיט אַ חוש פאַר יידישער טאַטזעכליכקייט און אינערליכער געפּאַרמטער טראַדיציע.

און פּוילן פּאָגראָמען, אָרעמקייט, שפלות און דלות — און מיט אַמאָל, ווי פון הימל אַראָפּ, אַ נייער „שטורעם און דראַנג"־עפּאָכע אין יידישן ווילנע! און דאָס שטאָבילע וואַרשע מיט „יידן פון אַ גאַנץ יאָר", מיט „ליטעראַרישע בלעטער" מיט קנאַספּן און שפּראָצונגען צעוואַקסט זיך נאָך אַלץ מיטן יידישן געצייטיקטן וואָרט.

אָט־אָ דאָס איז די אמת'ע יידישע ווירקליכקייט, די אָביעקטיווע און פּאָזעטיווע און ווער ס'רעכענט זיך נישט מיט איר איז פאַרלוירן

(פריער צו שפעטער) און אָפּגעריסן פון יידישן פאַרצווייגטן פירות־טראָגנדיקן שטאַם.

מיר זיינען זיך גאַנץ גוט באַוווסט אין אונזער טרויעריקע סובּיעקטיווע פאַרהעלטענישן, מיר ווייסן גאַנץ גענוי, אַז צווישן אונז זייַנען דאָ מענטשן וואָס ווילן פון זיך אַרויסשפּרינגען ווי פליי, און דאַצו בייסן זיי זיך אויף לינקס און אויף רעכטס. (ווי ס'איז די טבע פון אַזעלכענע אינזעקטן!) די דאָזיקע צאַפּלדיקע ברואימלעך, מיט זייערע קינדער זיינען זיי שוין ברוך השם פערטיק, זיי מאַכן זיי פאַר „אייראָפּעאיש ריידנדיקע מענטשן", פאַר גענזנפּיסלדיקע ענגלענדער, פראַנצויזן א.א.וו. אָבער זיי גופא, ווייל זיי זיינען „דערוואייל" נאָך נישט גאַנץ קוואַלעפיצירטע צו דער אַסימילאַציע, יידלט מען אויף רעכטס און אויף לינקס. (זעלבסט־פאַרשטענדליך איז מען מער נוטה צו דער רעכטער זייט, ווייל דאָ איז די געפאַר נישט אַזוי שטאַרק ... אַז מ'וועט זיך חלילה פון איר אָנשטעקן!)

מהיכא תיתי: מיר האָבן אַ חוש פאַר רעאַליטעט, ביטע זער! פּאָליטיק, וואָלטעטיקייט, שתדלנותן' קהלן — שמייען, דרייען מיט קנין און מיט מנין! זייער פיין, זייער ווויל, אַ ברכה אויף אייערע הענט און אַ געזונט אין אייערע הערצער — — אָבער יידישע ליטעראַטור?

יידישע ליטעראַטור איז נישט קיין שעפּטשענדיק קריאת־שמע־לייען פאַרן שלאָף'וואָס מ'קאָן דערמיט יוצא זיין פּרעפּלענדיק אויף אַלע לשונות; יידישע ליטעראַטור איז אונזער איינציקע מענטשליכע מעגליכקייט אָביעקטיוו און סוביעקטיוו צו זיין' ס'איז אונזער נאָך געבליבן ביסל נאַקעט לעבן; יידישע ליטעראַטור איז נישט אַבי יוצא זיין! ס'איז די איינציקע מעגלעכקייט ווו ס'יידיש פאָלק קאָן זיך נאָך גאַנץ אויסלעבן, ווו אַלע זיינע אינסטינקטן און ליידנשאַפטן קאָנען זיך פריי צעשפּילן, אָן פאַלשקייטן, אָן אונטערגעדאַנקן, אָן ביטרעקייט, ווי הארץ צו הארץ קאָן אָפן זיין, ווו געפיל צו געפיל קאָן זיך פאַרשענקן — ווו ליבע און האַס קאָנען זייערע אָרגיען פייערן! ווו אויסגערעכענטקייט און שאַנסן זיינען פלעוועס אין ווינד. כבוד־זוכעניש און פאַלשע פּרעטענזיע — די אויפגעבלאָזענע קונסטלער־שלייף וואָס איז שוין לעכערלעך אין יעדעמענס אויגן . . .

יידישע ליטעראַטור איז נאָך די איינציקע מעגליכקייט, ווו מיר לעבן מיט מענטשן גלייך, אויף ערד, אונטער פרייען הימל, ווו מיר זיינען מיט דער נאַטור פאַרבונדן, ווו מיר פאַרשטייען זיך נאָך מיט לאָשעקלעך אויף די לאָנקעס, ווו מיר קאָנען צייטן פאַראויסזאָגן פונם פלי פון פייגל . . .

אָט דאָס־אָ איז דער אָביעקטיווער און סוביעקטיווער וועג פון אונזער יידישער ליטעראַטור, אויב דאָס האָט געקענט געשען בלויז, אין

אזא פאַרהעלטנים קורצער צייט פון 50 יאָר, קאָן מען באמת נאָר רע־כענען מיט קפיצת־הדרך.

ווי דער ווייטערדיקער גאַנג וועט זיין? קפיצת הדרך־מאַרשן קאָן מען נישט באַרעכענען און אויף נסים טאָר מען זיך אויך נישט פאַר־לאָזן.

אָבער האָבן מיר אַן אַנדערע ברירה? די אויפגאַבן זיינען קאָלאָ־סאַל, די יידישע שווערע פערהעלטענישן וואַקסן אונז איבער די קעפּ, די סוביעקטיווע און אָביעקטיווע אויסזיכטן זיינען דערדריקנדיק פאַרן שאַפנדיקן יידישן מענטש.

אָבער, אַז מ׳זעט איצט דעם דור יינגע יידישע בחורים, פאַרלוירן אין זיך און מטושטושע, די אַלע „באַיעס"איצט, וואָס זאָגן קריאת־שמע, אָדער, להבדל, מאָדליען זיך שוין אויף אַלע לשונות — אַ ליידי־קייט, אַן עקל נעמט זיי אַרום צו זייער אייגן לעבן, און צוקומענדיק צום „שלא עשני גוי" נעמט זיי ס׳לשון אָפּ —

אָדער אפילו די לינקע אַסימילאַציע, אויך אַ זעלבסט־פאַרשטענ־דליכער נאַטירליכער פּועל־יוצא, די כל הנערים וואָס שטייען אונטער המלאך־הגואל־טלית און איבער זייערע קעפּ פלאַטערן טאָג איין טאָג אויס די פליגל פון מלאך־המות — אַ, נישט איין שמע־ישראל בלייבט שטעקן אין האַלדז אויף די תליה —

נו, איז דאָ אַן אַנדערע מעגליכקייט ווי צו גלויבן אין ווונדער! אָבער ס׳יידישע פאָלק איז דאָך אַ מלומד בניסים, ס׳לעבט דאָך מיט נסים — זיינען דען נישט אונזערע קלאַסיקער אַ ווונדער אינם יידישן לעבן? האָבן מיר דאָ נישט צו טון מיט איבער נאַטירליכע כוחות? מיט מעשה בראשית? כאַאָס, תוהו ובוהו, יידישע נערוועזקייט,פינס־טערנישן, קריעה־בליאהקייט געפאַרמט אין גרויסע עפּישע קונסט־ווערק. און אַז ס׳איז אונזערע קלאַסיקער געלונגען אונזער עבר ווי שיכט אויף שיכט־פלאַסטן פעסטע ערד אונטער אונזער פיס צו לייגן, אונזערע איצטיקע גרויסע שרייבער און פּאָעטן אונזער הוה, אונזער שווער דאָ־זיין, אַטמאָספעריש איבער אונזערע קעפּ אויסצושפּרייטן אין ליכטיקע טיפע הימלען, האַלט עס באמת נאָך זייער ווייט אַז מיר זאָלן שוין טראַכטן פון אויסזוכן אַ קדיש־יתום, אָדער אַ רבנן־קדיש פון אונזערע ניי קולטור־אוצרות; אונזער מאָדערנע יידישקייט, אונזער האַראַפּאַשנע לעבן איז נאָך פול מיט ענערגיע און פּאָטענצן, אַז ס׳זאָל זיך באַנוגענען דערמיט.

ס׳איז שווער אָנצוצייכענען אויפגאַבן און דעם ניוואָ פאַר אַ לי־טעראַטור און ס׳איז אויך לגמרי איבריק, ווייל די גרויסקייט און די עכטקייט אירע איז נישט ווי מ׳וויל שיינען און „מאַכן דעם איינדרוק"

— וואָס עכטער אַ פאָלק איז אַלץ גרעסער איז זיין ליטעראַטור און וואָס גרעסער זיין ליטעראַטור אַלץ גרעסער איז און ווערט דאָס פאָלק.

דאָס ניוואָ פון אַ פאָלק איז זיין דיכטונג! און פון שונד צו קונסט איז אַ גאַנץ קליינער שפרונג, אָבער דאַצווישן איז דער תהום אויף אייביק פאַרזונקן צו ווערן; דאָס זעלבע מאַמע־גנפיל, דאָס זעלבע טויט־ און ליבע־פּראָבלעם, נאָר זייבער געפאָרמט ערליך אָפּגעווויגן און אָפּגעמאָסטן — דאָס עיקרדיקע אויפן האַרץ אויסבאַלאַנסירט איז האַרמאָניע! דאָס פאָלק, דעם מענטש מיט זיך דערהויבן איז דער ניוואָ פון אַ ליטעראַטור. די ליטעראַטור האָט קיין אויפגאַבן — די אויפגאַבע פון פאָלק איז זיין ליטעראַטור! און אפשר איז אויך צומאָל דאָס נישט ריכטיק, ווייל ווי לאַנג אַ פאָלק לעבט וואַרפט עס ממילא דעם שאָטן־ריס פון זיך; קורצער, צו לענגער? דאָס איז שוין לויט ווי הויך די זון שטייט איבער זיין קאָפּ!

אַז אַ פאָלק שטייט מאָדעל פאַר זיין ליטעראַטור און שטייט דערנאָך מיט אַכטונג, מיט דרך ארץ פאַר איר — דאָס איז דער העכסטער אויסדרוק! צי מ'שטייט ביי דער וואַנט מיט פאַרבינדענע אויגן אונטער ליפעס פון ביקסן, צי מיט אויפגעריסענע אויגן אין די פלאַמען אויף שייטערהויפן — עס איז דער קליינער ראָמאַנטישער־רעאַליסטישער אונטערשיד אינם גרויסן דערלעבטן גורל.

מיר זוכן נישט קיין שעקספּיר, אפילו נישט אַ געטאָ אין אונזער בלוט־יינגער אָקאָרשט זיך אַרויסקעמפּענדיקער דראַמאַטיק, קיין גאָגאָל און פלאָובער אין דער פּראָזע, קיין באָדלער אין דער ליריק — מיר האָבן אַזעלכע לויט אונזערע כוחות זיינען געוועזן בכוח פון זיך אַרויסצוגעבן; און ווען מיר דערפילן די אויפגאַבע צו טראָגן די גרויסע פון פעלקער אין אונז, וועט זיין די אויפגאַבע פון די פעלקער אונזערע גרויסע צו טראָגן אין זיך; אַז מ'שפּייט אָבער אין אייגענעם טעלער אריין איז דער סוף, אַז מ'מוז אַליין אויפעסן, מיט ווידערווילן און מיט אַן עקל־געפיל. און אַנטלויפן פון אונז וועט שוין איצט אַביסל שווערלעך גיין, אפילו פאַר יענע קינדער, וואָס זייערע טאַטעס האָבן גרויע „שפּראַכלעכע קולטור באַגריפן", דער סאָציאַלער פאַרשאַפטער קאַמף (דער סוביעקטיווער און דער אָביעקטיווער!) ממילא אויך דער מענשליכער, איז ביי אַלע פעלקער איצט נישט קיין אַנדערער ווי ביי אונז. אָביעקטיוו און סוביעקטיוו, דורך די האָרן־ברילן פון די „גרויסע גייסטער" און „עסטעטן" איז קיינמאָל נישט ווי ס'איז, נאָר ווי זיי ווילן עס האָבן און ווי זיי ווילן עס זען — און אַ סך מאָל גאָר ווי עס לוינט זיך זיי „כלל־טועריש"...! די נישט באַגייסטיקטע רעאַליטעט פונם יחיד און אפילו פונם כלל איז שטענדיק רעלאַטיוו.

גרויסע און עכטע דיכטונג אָבער, יענע וואָס בלייבט ווי אַן איי־

ביקער חותם נאָך יחידים־פּערזענליכקייטן און נאָך פעלקער, איז תמיד ווי ס'איז — די סיבה און איר ווירקונג איז די קאַוזאַלע ווירקלעכקייט פונם שעפעריש, פונם מיט נאַטור־כוחות־נאָך־באַהעפטן. גרויסע און עכטע דיכטונג איז פּראָסט און עכט און האַמעטנע ווי דער ערליכער תמימות'דיקער גלויבן פונם האָראָפּאַשנעם מענטש, ווי זיין שווער לעבן, ווי זיין אומקום.

אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז דער אויסגעטראָטענער וועג, וואָס בלייבט אונטער זיינע פוס־טריט ; לויט זיין וואָגיקייט, לויט זן פאַרנעם איז דער הינטערגעבליבענער שלאָך אַלץ פעסטער און דויערנדיקער — אונטער שנעקן בלייבט אַ פייכטער־שליימיקער שליאַך. און אפילו זייערע איבערגעבליבענע שיסעלעך זיינען די קרייד־בערג מיט וואָס די וועלט שרייבט איר געשיכטע...

דער ווייטערדיקער גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור איז דער ווייטערדיקער גאַנג פונם יידישן פאָלק אין דער שפּור פון דער פאָראויס־גייענדיקער מענטשהייט. ווי לאַנג מ'מיט זיך אַרויסצואַרבעטן פונם תוהו ובוהו, פונם פינסטערן כאַאָס אין דער וועלט, איז מען אומשטערבלעך און יעדער שריט און יעטווידער ווענד איז געצייכנט פאָראויס, איז שאָטנדיקע באַוועגליכקייט צום ליכטיקן אָן־ענד.

און דאָס זעען מיר אין דער יידישער ליטעראַטור ! אָ, די הייליקע באַמיאונגען און שווערער אָנשטרענגונג פון אונזער יינגער פּאָעזיע און פּראָזע איצט אין אַלע עקן פון דער וועלט; אין שטאַכל־דראָט פלאָנטער איצט פון אַלע פאַרוויקלטע פּראָבלעמען מיט פאַרקניפּט ! און דאָס אַליין איז דאָך שוין דער בעסטער באַווייז און גרעסטער צוזאָג, אַז אויך פון אונזער איצטיקן דור וועט זיך עפּעס אויספלאָנטערן און אָפּקלייבן, וואָס וועט בלייבן און האָבן אַ קיום. מיר קאָנען שוין אפילו זיין די לעבעדיקע עדות פון אַ ווייטערדיק ענטוויקלטער פאָרם אין אונזער נייער זיך פאָרמדיקער ליטעראַטור ; נישט נאָר אַליין טעמאַטיש און אַטמאָ־ספעריש, ווייל ס'רוב אונזערע שרייבער זענען איצט גרויסשטעטישע, נאָר ס'שפּירט זיך שוין אַ ספּעציפיש נייע, אַ זיך אַרויסאַרבעטנדיקע יידישע־געשטאַלטנדיקע פּלאַסטישקייט.

דער פּאַטעטישער שמע־ישראל־געשריי און דער לירישער קדיש־יתום פון אונזער פריערדיקער פּרוג־ראָזענפעלד פּאָעזיע פאָרמט זיך איצט שוין מער בילדעריש ; און נאָך מער, דער פאַרשטיינערטער העראָגליף, דער באַוועגליכער אַפּאָקאַליפּס זענען שוין זיך־פיגנדיקע בילדער־טיילן פון איין שוין האַרמאָנישער בילד־גאַנצקייט. און אין אונזער אָביעקטיווער פּראָזאַ האַלט מען שוין אויך אַזוי ווייט איצט צו וויסן, אַז נישט נאָר דער רויער מאַטעריאַל, די אָנציענדיקע אינטערע־סאַנטע פאַבולע, און אפילו נישט דער טענדעציעזער מוסר־השכל צום

סוף, זענען דאָס דער גרויסער ווערט אין אַ קונסט־ווערק — ס'איז די פּריציזע אויסגעאַרבעטקייט, די 52 שליפן, וואָס דער רויער שטיין באַקומט, זיי מאַכן דאָס אים צום בריליאַנט, זיי ברענגען אַרויס זיין אינערליכע ליכטיקייט, זיין סוביעקטיווקייט. און דאָס לעצטע איז אונז אַ סך מער ווי אַ גוטער צוזאָג, ווייל אַ גוט געפאָרמטע זאַך טראָגט שוין זיין אייגענעם ווערט אין זיך, זיין יחוס־עצמו, מ'באַהאַלט עס נישט פאַרשטעקט ערגעץ ווי אַן אַלט ירושה־חפץ, ווי אַ הייליקע רעליקווע, נאָר ווייל ס'האָט דעם ווערט, מ'זאָל עס ווי אַ טייערן אוצר באַהאַלטן, מ'זאָל זיך ווי אַ צירונג דערמיט אַרומטראָגן. פאַבעל, מוסר־השכל און עטיש־געפיל בלאָנדזשען פון אָרט צו אָרט, פון לאַנד צו לאַנד ווי הייליקע גלגולים און טיילמאָל ווי דבוקים גאָר, אייגענע אויסגעהעמערטע, פאָרם בלייבט די עכטענע גאָלדענע מטבע פון אַ פאָלק, וואָס האָט אומעטום איר ריכטיקן ווערט. יאָ, ביי יענע חיהלעך אפילו, אין די שנעקן־הייזלעך, אַז אַ געוואַלטיקער ווייטאָג נעמט זיי שטאַרק אַרום פאָרמען זיי דאָך אויס מיט זייער פאַרפּייניקט לעבן די טייערסטע פּערל, דאָס געשווילעכץ אין זיי נעמט זיך צוזאַמען אין אַ זיבן־פאַרביק שטילע, רעגנבויגנדיקע שיינקייט — — אָ, דער יסורימדיקער ווייטאָג איצט אין אונז, ווי מוז זיך דאָס געוואַלטיק צוזאַמענגענומען און אָפּקלייבן — אויסגעציטערטער גליווער אין אונז! — אין ליכטיקע פּערל־שנירלעך, אויפן יידישן האַלז זיי צו טראָגן; אָ, וויפיל רויטע שנירלעך ס'זענען שוין דאָ, די פּערל אויף זיי אויפצוציען — — —

יאָ, ווי לאַנג אַ פאָלק לעבט איז עס אומשטערבלעך מיט זיין ליטעראַטור, איבער אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען, איבער אַלע געעפנטע שרעקליכע תהומען ווארפט עס זיין לעבעדיקן שאָטן אַריבער און מיט דער אַלץ־ווייטערדיקער ליכטיקייט איבער זיין קאָפּ איז עס זיך מצמצם און איז אָפּגעראַטעוועט און גייט ווייטער אין זיין ליכט. און אַז אונזער פאָלק קאָן איבער טיפסטע אָפּגרונטן אַריבער בשלום, דאָס עדות־זאָגן קאָן מען שוין שווערן מיט דער ביבל אין דער האַנט!

אָבער מיר זענען אויך זיכער, אַז מיר זעען די באַמיאונגען און אויסדויער פון אונזער יינגען דור, אַז יענער געוואַגטער שפּרונג איבער תהום, וואָס פירט צו ריינער און עכטער דיכטונג, — מאָמענטאַל־געפיל און וויזיע טיף־געפאָרמט אין אינערליכער פּערספּעקטיוו! וועט אויך איצטער געלונגען און דאָס פאָלק און די ליטעראַטור, איינער דעם אַנדערן מיט זיך מיטציענדיק, וועט זיך דערהויבן צו העכערן ניוואָ; ווי ס'איז אונז פאַר 50 יאָר צוריק אַזוי הערליך געלונגען. פאָלק און ליטעראַטור איז איין קאַוואַלע ווירקליכקייט, איין תמימותדיקע גלויביקע גאַנצקייט: דאָס אָביעקטיווע און סוביעקטיווע פון זיין ווייטערדיקן פּאָזיטיוון קיום: איין בילד־גאַנצקייט צו דער בסדרדיק זיך פאָרמדיקער האַמעטנער מענטשהייט.

# די פינפט־ און צענט־ראנגיגע

אָבער ווי אַזוי איז דאָס משיג צו זיין, אַז אין משך פון אַזאַ קורצער צייט ווי אונזער ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן און עקזיסטירן אלס אַזעלכע, זאָלן מיר איצט שטיין אין דער קולטעדעלער וועלט לייטן־גלייך, מיט אַ פול־בלוטיקער, אויסגעוואַקסענער ליטעראַטור. אין אונזער תוהו־ובוהו׳דיגן און צוקריפעלדיקן לעבן, אויף אונזערע כף־הקלעדיקע אומוועגן זיינען מיר גלייכבאַרעכטיקטע! מיט וואָס נישט — אָבער מיט אַ ליטעראַטור!

אָנגעהויבן פאַר הונדערטער יאָרן, אין ריטער־צייטן, מיט אַ „קעניג־אַרטוש״־ראָמאַן פון אליהו בחור וואָס עפּעס אַן אַרימער מחבר פאַרוואַרפן ערגעץ אין איטאַליען, האָט אָנגעשריבן פאַר אַ נגידיתטע, פאַר יענער מאַמע, זיכער פון די ערשטע אַסימילאַטאָרן. אָנגעהויבן מיט „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב״, מיט וואָס שרה בת טובים האָט אַלע אירע „איינִיקלאַך״ אויסגעבעטן — .

אָנגעהויבן און נאָך אַמאָל אָנגעהויבן — —

400 יאָר האָבן מיר געהאַלטן אין איין אָנהויבן, אין איטאַליען, אין דייטשלאַנד, אין טשעכיען, בעמען, איבער די עסטרייכישע אַלפּן און ווידער אויפ׳סניי מיט פרישע כוחות אין פוילן און רוסלאַנד. ווער ווייסט ביי וועלכע טייכן אונזערע קינדליך־תמימותדיקע פאָלקס־לידער האָבן איבער די ברעגעס פון אונזערע הערצער אַריבערגעפליצט? ווער ווייסט פון וועלכע לענדער מ׳האָט אונז געיאָגט מיט זיי אויף ציטער פון ליפּן? ווער ווייסט איבער וועלכע ימים אונזער „גאָלדענע פּאַווע״ איז אַלץ שוין אַריבערגעפלויגן?

און ווי גרויס איז געווען אונזער דלת־אמותדיקע וועלטעל, פון שולהויף ביז צו דער מקוה, פון שוסטער־בענקעלע ביז צום שניידער־טיש, פונ׳ם בייזן מלמד ביז׳ן פינסטערן קברן איז דאָך געווען דער גאַנצער מהלך פון וויג ביז צום קבר!

הונדערטער יאָרן געהאַלטן אין איין אָנהויבן, מיט רבישע תורות, מיט פּורים־שפּיל, מיט ווייבערשע מעמואַרן, איז ווי אַזוי דאָס־אַ משיג צו זיין, וואָס ס׳איז געשען אין די לעצטע פופציק יאָר ?

און וואָלטן מיר נישט געווען „באַקומען דאָס לשון״, וואָלטן מיר זיך נישט געווען אַרויפגעאַרבייט צו דער ליטעראַרישער מדרגה, אויף

וועלכער מיר האָבן געשטיגן אַלץ העכער און העכער — „אויב נישט נאָך העכער"! — וואָלטן מיר זיך דען געוועזן ענטוויקעלט נאַציאָנאַל און סאָציאַל מיט אַזעלכע צעוואַקסענע גרויסע פּאַרטייען לינקס און רעכטס, די לעצטע 40 יאָהר ?

די „אָץ־קוצץ"־השכלה וואָלט דאָך געבליבן די איינציקע אָבגעבליטע פּאַרוויאַנעטע רויז אויפ׳ן דאָרן פון אַסימילאַציע!

און ווי געוואַגט און קאָמיש, אפשר, אַזאַ איינפאַל זאָל אין פלוג נישט קלינגען, לייגט ער זיך דאָך אויפ׳ן גראָדן שכל: אפשר טאַקע, דוקא אָט־אָ די אַסימילאַציע ביי אונז, וואָס זויגט זיך ווי אַ פּיאַווקע אין אונזער בלוט, איז דאָס געוועזן די׳ סבה פון אונזער אויפגעוואַקסענער געזונטער ליטעראַטור. וואָס טוט דען אַ פּיאַווקע? עקעלדיק, מגואלדיק קלעפּט זי זיך צו צום נאַקעטן פלייש און זויגט זיך איין אין דעם חולה־מסוכן און זויגט דאָס גאַנצע קראַנקע גיפטיקע בלוט פון קראַנקן אַרויס און דאָס ביסל, וואָס בלייבט נאָך אין די אָדערן, איז פריש און ריין און געזויבערט. און דער שוין „אָבגעזאָגטער" שכיב־מרע, דער גוסס, בלייבט דוקא לעבן און ער שטאַרקט זיך און ער ווערט געזונט און שטאַרק.

יאָ, יענע פינפט־ראַנגיגע און צענט־ראַנגיגע טאַלאַנטן, וואָס אונזער אָרעם וועלטל איז זיי נישט אָנגעשטאַנען, יענע מיטלויפערס און אַנטלויפערס, די פאַוואָריטן מכל־המינים־שהוא! די גייסטיקע כל־ולכ׳ס, די אַלע געוועזענע סעמינאַריסטן, האָבן מיר צו פאַרדאַנקן, וואָס אונזער ליטעראַטור איז געבליבן ריין און זויבער — ווער ס׳האָט געוואָלט לויפן איז געלאָפן! דורך טירן און דורך פענסטער איז מען געלאָפן און דורך אויסגעהאַקטע שויבן, ווי די דיבוקים! און געבליבן זיינען די ריינע און זויבערע, די תמימותדיקע, די באַרופענע דאַצו, די געדולדיקע און נשמהדיקע. מנוחה און רחבת־הנפש איז דאָך דער ערשטער סימן פון עכטן טאַלאַנט! אַלץ, וואָס ס׳קומט אויף אונז איז דאָך נאָר ערפאַרונגען, כדי אונזערע נשמות רייכער צו מאַכן, נישט מיט׳ן ביסעלע, וואָס מ׳האָט, צו לויפן און שאַכער־מאַכערן און אָבזעצן, יענע בעסערע, וואָס זיינען אַ ביסל שעמעוודיק צוריקגעצויגן פון אונז אַוועקגעאַנגען. יענע, וואָס האָבן אויף אונז געשפּיגן, אַזוי צו זאָגן, מיט׳ן הייליקן „עלינו"־שפּיי, אַ דאַנק זייער אַוועקדרייען זיך פון אונז, זיינען מיר נישט געבליבן קיין „געטאָ־טרוימער"־ראָמאַנטיקער, קיין שאַרפזיניקע, אויסגעקלוגלטע „פּאַראַדאָקס"־כאַפּער, קיין אויס־גייענדיקע מיט׳ן „שמע ישראל" אויף די ליפּן. די נטיה אונזערע צו אַסימילאַציע, האָט אונז די „גרויסע" גייסטער אַ נעם אַרויס געגעבן, די אַזוי צו זאָגן זשורנאַליסטישע סענטימענטאַלע גרויס־ריידער! ביי אַלע פעלקער, אין אַלע שפּראַכן קאָן מען זיי אָנטרעפן, לעבעדיק צעשריגענע, און טויטע פאַרגעסענע; זיי דרייען זיך אַריין, זיי דרייען

זיך אַרויס, זיי טראָגן אַריין, אַרויס, זיי טראָגן־אונטער! און בדרך כלל און אין לעצטן סך־הכל: זיי פאַרשאַפן אונז מעהר אומכּבוד ווי כּבוד.

און ס'איז דאָך באַטירליך, אַז דער אַנטלויפער מוז, ווען נישט ווי מיאוס, ווי העסליך ס'איז ביי אונז, כאָטש דערציילן, ווי שרעקליך ביי אונז איז, ווי פינסטער און טראַגיש — ער מוז דאָך גערעכט בלייבן! און אַז מ'קומט ערגעץ אָן אַ פרעמדער, אַ פריש־געבאַקענער, מוז מען זיך דאָך איינקויפן און נוצליך מאַכן — זאָל זיין כאָטש מיט חניפה! איז אָדער מ'טראָגט אונזער שלימפּער און מ'באַווייזט'ן פאַר אַלעמענ'ס אויגן, אָדער מ'טראָגט יענעם אונטער די זיידענע שלעפּ — דאָס איז אַ סך מער ווי 90 פּראָצענט פון יידישע שרייבער אין פרעמדע שפּראַכן.

אָבער דער אומכּבוד אונזערער איז ווערט דעם כּבוד פון אונזער ליטעראַטור! זי איז שטאַרק געבליבן, געזונט, פול־בלוטיק; די וואָס זיינען געבליבן ביי איר זיינען מיטביידע פיס אויף דעם פיצעלע ערד אונזערס, וואָס ריטשעט זיך כּסדר אַוועק, געבליבן שטיין, אָן וואַקלענישן און אָן ציטער; ווי די ריזן זיינען זיי געשטאַנען ברייט און שטאַרק, מיט פאַנאַנדערגענומענע אָרעמס. און אויף דעם שמאָלן געסל צווישן שול־הויף און מקוה האָט מענדעלע מוכר־ספרים זיין קאַבצאַנסק און טוניעיאַדעווקע אויסגעבויט, שלום־עליכם זיין קאַסרילעווקע און יהופּעץ — ווי פּתום ורעמסס שטייען די שטעט יעצט אין דער וועלט ליטעראַטור! די גאַנצע וועלט, חלילה, קאָנען אונזערע שונאים חרוב מאַכן, אָבער פון אונזער „אַלטן מאַרק" וועלן זיי אונז נישט אַראָבטרייבן, ווייל פּרץ האָט ווי אַ לייב זיך צושריגן „לא אזוז ממקומי", איך וועל מיך נישט אַוועקרירן פונ'ם אָרט.

און ווי האָבן אַש'ס און וויסענבערג'ס האַרציק־נאַאיווע שטייגער־שטעטלאַך זיך דאָס צוואוואַקסן!

איבער מאָסקווע און ניו־יאָרק, איבער תל־אביב און בירא־בידזשאַן און וו די וועלט האָט נאָר אַן עק, איז אָנגעפלויגן די „גילדענע פּאַווע" פון אונזער מאָדערנער ליריק — פון אַלע זייטן קומט זי דאָך אָן צו־פליען מיט'ן זאפטיק־שמעקעדיקן בליטן־בלאָט אין איר מויל.

איז ווי אַזוי דאָס האָט געקענט געשען? ווי אַזוי דאָס איז משיג צו זיין? דורך קוים אין אַ משך פון אַ 50 יאָהר? ווייל די וואָס זיינען געטריי געווען, עהרליכע גלויביקע און דאַריבער שטאַרקע און פעסטע; ווייל אַלץ וואָס עכט, איז מיט גאַנצע און לעצטע כּחות — טאַלאַנט איז, „בכל לבבך ובכל נפשך"! ס'מוז גאָר נישט זיין אַזוי גרויס, ס'מוז זיין גאַנץ! אָט־אַזוי־אָ בויט אָ פאָלק זיך אויס אין זיין גרעסטער פאַרצווייפלונג! זיינע גרויסע זיינען דער פונדאַמענט, זיי גופא מויערן זיך אַריין אין די מויערן! דאָס זיינען געווען אונזערע קלאַסיקער. און דער צווייטער דור איז כּמעט נישט אַנדערש.

און איצט זאָגן מיר ווייטער צו די אַלע, וואָס ווילן לויפן: לויפט, לויפט, אַ מזלדיקער שליטן־וועגס! מיט׳ן רעכטן פוס פאָראויס! געפינט נאָר עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס, אַז ס׳זאָל זיך אייך כאָטש לוינען! און ווען איר צוריקקומען בחרפתנו, ווי די אָנגעשלאָגענע הושענות, איז אייך נישט קיין מעשה, אין שול־געסל שטייט נאָך אַלץ ס׳ארון־קודש אין שול, וועט מען אייך אַרויפוואַרפן אַרויף און איר וועט אייך ליגן אויבן און ס׳וועט אייך גרינג זיין.

מיר אידיש־ריידענדיקע, אָבער, בלייבן שטיין אויף ביידע פיס, אָן וואַקלעניש און אָן ציטער, און ריטשעט עס זיך אונטער׳ן שריט, ווייסן מיר קיילעכדיק איז די ערד, זי דרייט זיך אָן אויפהער — מיר אָבער מיט איר מיט! און אונזער בלוט — צאַפּט מען און זויגט מען עס פון אַלע זייטן, ס׳לעצטע ביסל וועט אונז אייביק בלייבן ריין געזויבערט! און מיט פעסטן און ערליכן גלויבן אין האַרצן גלויבן מיר, אַז די קומענדיקע דורות אונזערע וועלן נישט פאַרשעמען די פריערדיקע, אַז די אידישע ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אין און פון אונזער עפּאָכע, וועט אין זיך האָבן אונזער געלייטערטן קאַמפף און פּיין, און טראָגן אין זיך דעם בטחון און די פרייד אַלץ צו קאָנען דערטראָגן און לעבעדיק אויסצוטראָגן.

# דער זין פון אונזער שאפן

אויב נישט אויף אייגענעם אופן דערלעבן דעם ארום, זיך ארויס־וויקלען און ענטוויקלען ווי א פלאנץ פון זיין זריעה־קערנדל, מיט ווארצלען און מיט בליטן, — הימל און ערד אין זיך אויפנעמענדיק, זאפטיקן מיט צייטיקייטן! — אויב נישט אויף אייגענעם ספעציפישן אופן דערפילן דעם ארום, איינאטעמען אין זיך אטמאספערע און גופא ווערן אטמאספערע, איז עס צום יידישלעכסטן אונטער געטא־מויערן. „על חטא" הילכט אפ צום בעסטן פון א לייזיקן תענית־בויך! די אקוסטיק פאר א קאפיטל תהלים איז דאך אמנאנסטן, אז ס'איז ממעמקים.

שאפן הייסט, צו קאנען זאגן: „מה נאה אילן זה" אויף אזא קולטור ניוואַ און שטייגער, אז מיטן זאגן זאל מען נישט ווערן קיין „פוסק ממשנתו", אז די רייד גופא זאלן זיין הייליגע פסוקים דור דורות זיי צו לערנען. שאפן הייסט, מיט ליכטיקן קאפ פארויס דורכן פארמויערטן פינסטערן לעבן — אז ס'איז דא קולטור פאלן געטא־מויערן צוזאמען ווי די מויערן פון יריחו! מ'מוז זיי נאר ארומרינגלען מיט „לא תרצח"־לוחות, מיט א ספעציפיש געלייטערטן איך — מיט א געטלעכן אומ־פערזענלעכן „אנכי" —

וואס איז דען אזוינס א זריעה־קערנדל? פיטשנדיק און צמצומדיק איז עס כולל אין זיך זיין בצחדיקייט, דורך קרירות, דורך שטורם־ווינטן טראגט עס אין זיך, באשיצט און באהיט זיין גזע, זיין דור־דורותדיקע ירושה, ביז די צייט קומט ווידער אן מיט ווארמקייט און ליכטיקייט, הימל און ערד ווידער אין זיך אויפנעמען צו קענען, זיך ארויסצוּוויקלען און ענטוויקלען מיט שמעקנדיקע שיינקייט פון צוויט און זעטנדיקע פירות. וואס הייסט אייגן לעבן קולטיווירן און ענטוויקלען? אויב נישט מיט יעדן בליט־קערנדל אויפברעכן אין די טיפסטע־טיפענישן, אייג־געפלאנצטע און פארווארצלטע אינם ארום, מוזן מיר פארקומען; מוזן מיר אויסגעראטעט ווערן, ווי די פניאקעס פון אונטערגעהאקטע ביימער. און נישט נאר, אז ס'בלייבט טאקע עפעס אנדערש נישט איבריק, נאר ס'איז אויך כדאי — ארום א פניאק קאנען זיך נאר ווידמענען און פלאדיען ווילדע קרייטעכצער און פאראזיטן. אויב נישט זיך אינטים דערלעבן מיט אייגן דערפילטן לעבן איז פארשטענדליך, אז די יוגנט לויפט פון אונז, וויל נישט שטיין אין אונזערע ד'לת־אמות — אז די טאטעס זענען שוין אויסגעוואָרצלטע! נאכמאכן לאזט זיך נאר א צייט לאנג, ווי לאנג דאס צערעמאניאלע האט נאך אין זיך די סטיכע פון באוווסטער טעאטראל

צערעמאָניע, דאָס מכלומרשטע עכטע — האָט עס אַ פּנים ווי חוזק! יוגנט איז אינטערעסירט אין די הינטער־קוליסן... יוגנט וויל לעבן ממש, יוגנט באַגניגט זיך נישט מיט בלויזער דעקאָראַציע.

ווי זעען היינט אויס, למשל, די אַלע טעמפּלען (מער אויפגעבויט פאַר דעם „למה יאמרו הגוים" ווי אין זיי צו דאַוונען), וואָס בשעתם זענען זיי געווען אַזוינס און אַזעל־כעס, גאַנצע קונסט־שטיקן און אַנטיטשנע אַנטיקן מויריש און גאָטיש און רענעסאַנס און אַלץ מיטאַנאַנד! און אָט דער מיש־מאַש איז געווען נעבעך דאָס איינציקע יידישלעכע. און די אַלערליי „חכמת היהדות" סעמינאַרן, שטייען זיי נישט אויף אַ פּיל נידריגערער קולטור־מדרגה ווי אונזערע אַמאָליקע חדרים און בתי־מדרשים? האָט אַ יידישער פּאַרציטיקער גדול נישט געהאַט אַ ווירדיקער און מענטשלעך־גייסטיקער אויסזען ווי די אַלע איצטיקע אויבערראַבינערס און טשיף־ראַבייס? באמת איך געב אייך אַוועק די אַלע אַזוי גערופענע גענזנפּיסלדיקע „סינאַגאָגאַלע שאַפונגען" פאַר איין „רבונו של עולם" פון באַרדיטשעווער! אינם ריינעם, עקזאַקטן קולטור־זין מיין איך דאָס. יענע תמימותדיקע רבישע לידער־תפלות און פּראָסטע בעל־שמסקע מעשות זענען יידישע גזע, ירושהדיק; זייער ווייסער פאָדעם, וואָס אונזער נייע קולטור אין דער דיכטונג און קונסט וויקלט אים ווייטער, מיט געדריוול פון זומער־פעדעם איבער פאַרפּלאָנטערטע קזשאַקעס און פּירות־טראָגנדיקע צווייגן, יענער פאָדעם איז נאָך געהאָנגען אַ רויטער איבער דער טיר פון קדשי־קדשים, ווען דער כהן גדול איז אַריינגעגאַנגען לפני ולפנים. דער זין פון אונזער איצט שוין זיך באַוווסטן שאַפן, צום אונטערשייד פון אונזער אַמאָליגן, אין בית־המדרש און ישיבות, איז דאָס מענטשליך וועלן פעסט האַלטן דאָס חושימדיקע, זיך און דעם אַרום אָביעקטיווירן אין איין שאַפנדיקע איינהייט — ס'איז דער זעלבער סוביעקטיווער התלהבות, דער זעלבער פאַרוואָרצלטער סנה, וואָס ברענט און ברענט און ווערט נישט פאַרברענט...

און וואָס מיינט איר קאָן דען ווערן פון די אַלע ביי אונז אויסגע־וואָרצלטע און אין פרעמדע קולטורן, ווי אין וואַרעם־הייזער אונטער גלאָז זיך איינגעפלאַנצטע?

וואָס ווייסט די וועלט נאָך איצט פון אַזאַ אַמאָל באַקאַנטן נאָמען ווי אויערבאַך? און ישראל זאַנגוויל איז דאָך שוין אין זיין אייגן לאַנד כמעט ווי פאַרגעסן! און דעם, אין אונזער צייט נאָך, אַזוי וועלט באַ־רימטן נאָרדוי — —

און אפשר האָט מען זיי צופיל מיט תורה־טעמפּל גלעקלעך אַרומ־געהאָנגען ביי זייער לעבן! ווי האָט דאָס די דייטשע יידישע אַסימילאַציע שוין אין די גאָר הויכע פענסטער, אַ פאַרקראָכענע אין די עכט גאָטישע

שוין גאָרנישט קיין סינאַגאָגאַלע, נויטיק געהאַט אַזאַ נאָמען ווי יאַקוב וואַסערמאַן, ער האָט אָבער, מיט זיין אמתדיקן טאַלאַנט, זייער ביסל לעבן נישט געקענט אַפּראַטעווען, ווי זיי — זיין ביסל אומשטערבליכקייט. וואָרעם־הויז אַטמאָספערע, ברויך נאָר קומען ווער און אויסהאַקן אַ פענסטער און די געציכטעטע איבער־ענטוויקלטע פלענצלעך ווערן שוין ממילא.

און ביי די אויפגעבלאָזענע אונזערע, — פרעמד־געשאַפנס כסדר מעלה גרהדיק! — יענע וואָס דרייען זיך אַרום מאַיעסטעטיש אַזוי אינם אויפגעהויבענעם שטויב, וואָס זיי מאַכן אָן, אין אונזער וועלטל, מיט אַ נאָכשלעפּנדיקן, אַן אַרונטערגעבראָכענעם פליגל זייערן, זייערע שאַפונגען אַזעלכע אַרויסגעפאַלענע פאַווע־פעדערלעך, מיט איבערלאָפּענע בעלמע־אייגלעך, אַרויסשיקלדיק פון שטויב ארויס... כיטרע חנדלעך מאַכנדיק און אויגעלעך קאָקעטיש וואַרפנדיק — און זיי מאַכן דעם „געהעריקן“ איינדרוק! וואָרעם דאָס־אָ איז דאָך די הויפּט זאַך וואָס זיי ווילען, און דאָס ביסל טאַלאַנט, וואָס זיי האָבן, געניצט פונקט דערויף... עס האָט נישט געסטאַיעט אויף גאַנץ אַוועקצולויפן פון אונז, ליידער... דערפאַר ווילן זיי אונזער „אָרעם יידיש וועלטל“ באַרייכערן; פרעמדע־גייע פאָרמען אין אונזער ליטעראַטור אַריינברענגען. אָבער ס׳מוז שוין זיין אַ זאַטקייט און אַ רייכקייט אין אונזערע רייען, אַז די פליגל־העגעדיקע פאַווס האָדעווען זיך און פאַשן זיך — ס׳איז אַ גוטער סימן!

שאַפן אָבער, אין עכטן זין, קאָן קיינמאָל נישט מיינען זיך אַסימילירן, אפילו נישט צו אַ העכער־שטייענדיקע קולטור (ווי עס מיינען גייסטיק בידריק שטייענדיקע נפשות) וואָרים זיך אַסימילירן הייסט אויפהערן, נישט זיין מער, צעפאַלן אין זיינע צוזאַמענגעזעצטע יסודות, דעמלט ערשט קאָן מען אויפגיין אין עפּעס אַנדערש — מ׳קאָן בשום אופן קיין נעלקע נישט קולטיווירן אין אַ רויז, מ׳קאָן נאָר יעדע איינע העלפן זיך קולטיווירן צו אַ העכערע מדרגה פון שיינקייט און פראַכט. יאָ, מ׳קאָן מיט צעפּלייסן אַ נעלקע אַראָפּרייסן פון איר וואָרצל און זי גאוהדיק לייכטזיניק אַריינשטעקן אויף אַ קורצער ווײַלע אין אַ קנאַפּ־לאָך פון זיידענעם לאַץ — אָבער זי מוז אומבאַדינגט פאַרוויאַנען! יאָ, העכסטנס קאָן מען מיט אירע פאַרוועלקטע בלעטלעך אַ ביסל באַמיסטיקן דאָס רויזן־בייט, די רויזן צו שטאַרקן אין זייער זיך קולטיווירן — אפשר איז דאָס־אָ ביי די עכטערע אַזאַ גייסטיקע דעקאַדענס, און ס׳בלייבט אַמאָל אויך אַזאַ פאַרוועלקט נעלקן־בלעטל (אפשר) איינגעפּרעסט צווישן פרעמדע בלעטלעך פון אַ בוך, ווי ביי אַ סענטימענטאַלער געליבטע. רויזן ווערן זיי אָבער קיינמאָל נישט.

גייסטיק שאַפן אין איר העכסטן זין איז התגלות, איז זיך ענטפּלעקן, דאָס תוך־תוכותדיקע פון אַ פאָלק באַקומט פורעם! די אינערליכע

בענקעניש פון מיליאָנען ווערט חושימדיק און מיט מענטשליכע חושים דערקענט: זיי ווערן דערהערט דורך טענער פון אַ דבקותדיקער מעלאָדיע, די וויזיע פון דורות ווערט פּלאַסטיש בולט און באַקומט ליניע און קאָליר און דער געדאַנק באַקומט אַ סדר מיט ריטם פון וואָרט! מיטן בלויזן חוש הריח דערשמעקט מען די אַטמאָספערע פון עכטער קולטיווירטקייט! הימל און ערד באַטירליך אין זיך אויפנעמענדיק, אַרויס־וויקלענדיק זיך מיט צאַרטקייט פון יונגע בלעטלעך — אַ אָפענער קנאָספּ אין דער זון! איז די פאַרב פונם צוויט דעמלט נישט קרענקליך און די צייטיקייט איז יאָדערדיק און זאַפטיק און דאָס וואַנען איז אויך באַטירליך — זיך צו פאַרזייען מיט פרישע זריעה־זוימענדלעך!

אַז אונזער פאָלק איצט, אין די לעצטע דורות אונזערע, האָט אין זיך עכטע בענקעניש און וויזיע און געדאַנק — נישט אַ פאַרלאַנג נאָר צו אַנטלויפן פון זיך, זיך צו פאַרלייקענען, אַ מעשה זיך אַנצוטון! אינם בנעימותדיקן גאַנג און הילוך פון אונזערע זיידעס און באָבעס מיר האָבן באַך מיט אייגענע אויגן געזען און דערלעבט. און אַז ס'איז פּעאיק צו קינסטלערישע אור־פאָרמונג, אונזערע מאַמעס„גאָט פון אברהם" און טאַטעס דבקותדיקע „בני היכלא" ניגונים זיינען די בעסטע עדות, און די קונציק געמאָלטע און געשניצטע „שויתי'ס" זיינען פּלאַסטישע פאָרמען פון אַ פּרימיטיווער עכטער פאָלקס־קונסט.

אין אונזער נייער, באמת שוין ענטוויקלטער ליטעראַטור, איז זי דען עפּעס אַנדערש ווי דאָס זוימענדל פון אונזערע בענקעניש, ווי די זריעה־קערנדלעך פון אונזערע געדאַנקען און וויזיעס, וואָס זוכן זיך אין די טיפסטע טיפעניש פון אונזערע הערצער און מחשבות, מיט פּיטשע־דיקסטע, מיט דינסטע וואָרצל פעדעמלעך, וועלכע רייסן זיך צו העכסטע הויכן מיט ציטער פון שמעקנדיקן צוויט און מיט צייטיקער יאָדערדיקייט, וועלכע טראָגט שוין ווידער אין זיך דעם זוימען לדור־דורות?

באמת, די יידישע יוגנט, וואָס ווייטער אַלץ דערווייטערטער פון אונז — אַ שטאָלץ וואָלט אויפגעגאַנגען אין זייערע הערצער, אַן איבער־ליכע פרייד ביז אין זייער שורש אַרייך, אַ גלויבן צו זיך אַליין און צו זייער אָבשטאַם, ווען מ'וואָלט געקאָנט געפונען דעם וועג, זיי באַנטער צו ברענגען צו אונזערע שאַפונגען. נאַכגעמאַכטע צערעמאָניאַלע „גאָטעסדינסטן" אין טעמפּלען, ווי שמאַלציק זיי זאָלן נישט זיין, באַזאַלצן און באַפעפערט, אויף שפּיץ־מעסער מיט פסוקים און מאמרי־חז"ל, זיי קאָנען נישט זעטיקן יונגע פאַרבענקטע הערצער — יונגע מענטשן זיינען הערצער־איש, זיי ווילן לייבהאַפטיק דערלעבן זייער מסירת־נפש, נישט נאָר די זכרונות דערפון! יוגנט איז חושימדיק!!

וועלן מיר דאָס־אַ קאָנען, און ווייטער זיך אין דעם אַרום קאָנען אויפנעמען און פאָרמען, קאָנען מיר עקזיסטירן און גערעכנט ווערן ווי

אַ פֿאָלק מיט אַן אייגענער קולטור; און געטאָ מויערן וועלן נישט האָבן קיין מינדסטע שליטה איבער אונז — זיי פֿאַלן איין און פֿאַרשיטן מיט זיך דעם תהום, וואָס מ׳גראָבט אויס צווישן אונז און די וועלט.

דאָס איז דער גרויסער זין פֿון קולטור־שאַפֿונגען: מיט די זיסקייט פֿון אַ פֿאַרדבקהטן נגון מוז מען נישט גוססדיק אויסגיין אין צמצומדיקער אומענדליכקייט, מ׳קאָן אים אין־סופֿדיק אויסזינגען, מיט ברייט־אָטעמדיקער ברוסט, מיט סימפֿאָנישע האַרמאָניען; מיט בלוי־פֿאַרביסענער ליפּ, מיט איינגעפֿאַלענע בלאַסע באַקן, מיט ברענענדיקן צער אין אויגן, מוז מען זיך נישט שאַרן, דווקא, ביי די פֿינסטערע ווענט ווי אַ בלייכער שאָטן — מ׳קאָן זיי אויפֿרייסן מיט סימעטרישע ליניען־ריסן, מיט געאָמעטריש־געפֿאַרמטע קובן; די זעלבע „תפילה לעני" און „ממעקים"־פּסוקים מוז מען אָבער תמיד שעפּטשן בייטאָג און ביינאַכט, אויב מ׳קאָן באמת נישט ווידער אויפֿגעריסן ווערן מיט אייגענע, מיט נייע טיפֿענישן — יעדער זון־אויפֿגאַנג מיט פֿרישן באַגינען! דער זין פֿון קולטור־שאַפֿונגען איז צו קאָנען גלויבן אין זיך און אינם גאַנצן אַרום, אַרויס־געפֿונען האַרמאָנישע איינהייטליכקייט פֿון אינערליכער און ערליכער שלימות.

# דער סימבאָל ייִדיש

## 1

פֿאַר אונז, וואָס ייִדישע געשיכטע, ייִדיש טאָג־טעגלעך לעבן און אונזער מאָדערנער פֿאָרמונג איז אַלץ איין און דערזעלבער אימינענטער המשך פֿון אונזער קאַוזאַלער עקזיסטענץ; וואָרים אָן די ערשטע צוויי די טעזע און אַנטיטעזע, איז דאָך עכטע שעפֿערישקייט — סינטעזע! בכלל נישט מעגליך; פֿאַר אונז איז יעדע ערשיינונג אין ייִדישן לעבן, ווי גרויזאַם־גרויליך זי זאָל נישט „ערשיינען" און קומען איבער אונז, נאַטירליך און אַנגעמבאַר. יאָ, לעבענס־נויטווענדיקייט, אפֿשר גאָר, פֿאַרן ווּקס און אָנשטרענגונג פֿון אונזערע כּחות. יאָ, מיר נעמען עס אויף און פֿאָדערן עס אפֿילו, טײלמאָל, מיט צעפּלייסן, אויך אַרויס. מיר זיינען שוין דערוואַקסן צו אַלצדינג, וואָס קומט איבער אונז, פֿון גאָרנישט מער ענטוישט צו ווערן. מיר קענען שוין דאָס לעבן מיט אַלע זיינע גרויזאַמע גענג און אַפּאַטישע געגנגלעך! מיר זיינען שוין אַרויסגעוואַקסן פֿון די קורצע און ענגע השכּלה־פּרעק און פֿון די אונטערגעהאַקטע נגידישע „יאָקלס", מיר טראָגן נישט מער קיין „פּענזנע" אויף זיידענע שנירלעך גלאַט אַזוי לשם אינטעליגענטישקייט. מיר קוקן דעם לעבן אין פּנים אַריין מיט אָפֿענע אויגן און מעג זיך מאָלען דער טײוול אויף דער וואַנט ווי שוואַרץ, דערשרעקן מיר זיך נישט פֿאַר זיין אומגעלומפּערטן פּרצוף! מיר זיינען נישט קיין מלופּים־קינדער, מיט אונז קנעלט מען נישט משכּיליש־מלמדיש דעם „למה יאמרו הגוים", אונז לייגט מען נישט מער קיין פֿינגער אין מויל אַריין.

ניין, מיר זיינען נישט דאָס־אָ, וואָס פֿרעמדע שונאים ווייזן אָן אויף אונז מיט זייערע טייטלנדיקע בייזע פֿינגער, פֿאַרקראָכענע אין פֿאַלטן פֿון אַלטע אויסגעטראָגענע בגדים, האָדעווענדיק זיך פֿון אומ־ריינקייט פֿון פֿרעמדע לייבער, נישט פֿעאיק צו אייגענער זיך דערהאַל־טענדיקער עקזיסטענץ, צו עכטער לעבעדיקער שעפֿערישקייט. ניין, מיר זיינען נישט דאָס־אָ, און מיר האָבן דעם מוט דאָס צו זאָגן הויך, אַז אַלע זאָלן דאָס הערן: מיר זיינען נישט פֿאַרקומען אינם טויזנט יאָריקן מיטלאַלטער! איינגעשלאָסענע אונטער דיקע געטאָ־מויערן, אין ציטערדיקן שאָטן פֿון אונזער אייגענעם לעבן, האָבן מיר זיך מיט אונזער סכאָלאַסטיק עלאַסטיש אַרויסגעאַרבייט; מיטן פּלפּולדיקן דריי פֿון אונזער גראָבן פֿינגער קאַוזאַליש זיך אויסגעברייטיקט; מיט

אײן אײנציק אות פֿון תנ״ך האָבן מיר ביז כּסא הכּבוד אַרויף געשוועבט, און אײנטויכנדיק אינם ים־התלמוד האָבן מיר קונציק, און מיט אַ „נורע״ דערשוווּמען צו יענעם אָפּענעם ברעג, ווו הימל און ערד באַגעגנען זיך. מיט ברײטע זון־באַגאָסענע מזרח־ווענט, מיט גאָלדענע עטרות זײַנען מיר אַרויס פֿון געטאָ, מיט „אײַזערנע קעפּ״, חריפֿיש־געשליפֿענע אין יעדן מויער־שטײן, פֿון אָט־אָ יענע געטאָ ווענט! און פֿון יענע מעלאַנכאָליש־מיטלאַלטערליכע, מענכיש־פֿינסטערע סיגופֿים און תּעני־תים־יאָרן זײַנען מיר, טראָץ אַלעם, אַרויס מיט האַרציקער חדווה, מיט אויסגעגאָסענער זאַטער פֿרײד איבער ברײט־צעקעמטער באָרד און פּאות, איבער ברײט־צעבראַסטעט אָפּן האַרץ... מיט אַ „טראַלאַלאַ״, אַ „טײַדידים״ האָבן מיר פֿאַרענפֿערט די אײביקע „אַלטע קשיא״, און דעם מוט געהאַט זי ווידער מיט אַ תּאומרדיק־בײַ־קולכּל אָפּצופֿרעגן מיט דעם אײגענעם „טײַדידידאַם״, און ציִען אַזוי זינגנדיק נישט פֿאַרצווײפֿלנדיק דעם ויש־לישבדיקן וד״ל, דעם אײביקן אַהין און אַהער פֿון אונזער שווערן לעבן.

פֿון פּרדן־אַרם ביז נעמערעוו באַגלײט אונז די מאַמע רחל מיט איר סמוטנעם זינגענדיקן „ואני״, מיט איר מאַמע׳דיקן טרײסט אויף אירע ציטערדיקע ליפּן. און וואָס איז נבוזרדן דעמלט און כמעלניצקי — אײן שוואַרץ פּנים האָבן זײ אַלע! און אַפֿילו ווען די גלגולים זײערע בײדענס זײַנען אַרײַן אין אײן משוגענעם הונט!

דאָס פּויליש־אוקראַיִנישע ייִדנטום, מיט זײַן רחבֿותדיקער צעב־ראַסטעטקײט, מיט זײַן וואַקלדיקן גאַנג אין די גרויסע בלאָטיקע שטיוול; דאָס ליטווישע מיט זײַן עקשנותדיקער אויסגעהאַלטנקײט און פּרעציזקײט — אײנס דאָס אַנדערע גאַנץ־מאַכנדיק און דערפֿילנ־דיק! — האָבן באַוויזן זיך פֿרײַ אַרויסצוגראָבן מיט זײערע האָראָ־פּאַשנע הענט פֿון דער פֿינסטערער אונטערערדישקײט, פֿון צעשאָטענעם לעבן, שיכט אויף שיכט מיט „פּײַערל״ פֿאַרן „פּריפּעטשיק״, צו דערוואַרימען און הײמיש צו מאַכן די ייִדישע שטוב, יאָ, „דער דאַך שלאָפֿט״ אַזש אײן „צוגעדעקט מיט שינדעלעך״. און מיטן צאַנקנדיקן, שוין אויסגײענדיקן נר־תּמיד, אָנגעצונדן צוריק די ליכטיקײטן פֿון אונזערע פֿאַרלאָשענע הערצער, מיט אײביק נײַע חלומות און וויזיעס.

און אין לעצטן יאָרהונדערט האָבן מיר באַוויזן אַזעלכעס, אין דער קונסט, ליטעראַטור און אין דער ייִדישער געשיכטס־פֿאָרשונג, אינער־ליך־אײַנגנאַרטיק און מיט ספּעציפֿישע פֿאָרם און מיטל, וואָס נאָך דעם אַלעם, וואָס ס׳געשעט איצט מיט אונז, וועט מען סוף־כּל־סוף מוזן טײַטן אויף אונז מיט פֿאַרחדושטן פֿינגער, מיט שעצונג און באַוווּנ־דערונג: פֿון אונטער דער בלוטיקער בײַטש, וואָס צעפֿלײשט אונזערע אויסגעמאַטערטע לײַבער, פֿון אונטער דער הענגענדיקער שווערט איבער

אונזערע צעשראָקענע קעפּ זיינען מיר אַרויס נישט נאָר אָפּגעראַטע־וועטע מיטן ביסל אָרעמען לעבן — ציטערדיק און שעפּטשעדיק, פאַרקראָכענע אין לעבער! — גלייכע מיט גלייכע שטייען מיר, מיט אַלעמען קענען מיר עס אויפנעמען: עס פעלן פינגער אונז שוין אויס אָנצווייזן אויף אַלעם־דעם עבטן געשאַפענעם, אויף יעדן געביט פון אונזער גייסטיקן און שעפערישן לעבן.

איז איין קונסט־צווייג פאַראַן, וואָס דורכן מאַמעדיק־סענטימענ־טאַלן — דורך אונזער שטאַרקסטן ספּעציפישן — איז איר פאַרעם אַ ביסל פאַרווייכלעכט געוואָרן פאַר אויסגעהאַלטנקייט פון כאַראַקטער, פאַר דראַמאַטישער שלימות, איז באמת דאָס וואָס ס'געשעט אַצינד אין אונזערע היימען, ווו אונזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור האָט זיך גע־שאַפן, אַליין מאָנומענטאַלער געוואַלטיגער סימבאָל, — הייליקע דראַ־מאַטישע עבודה!... — אַליין געניאַלע טראַגעדיע; יעדער שטיין דאָרט איז דער נבוזרדן־שטיין, ווו קינדער ווערן געקוילעט ווי די שעפעלעך — עס איז די ברוטאַלע רעאַליטעט פון בונה עולמות ומחריבם — —

און מיט אַמאָל די אויפגעשטעלטע געטאָ־מויערן איצט! זיינען עס נישט אַריינגעשיבטע קוליסן אַזעלכע פאַר ווייטערן און אויסגעברייי־טערטן „שפּיל־רוים"? יאָ, אויפ'ן ראַנד פון אָפּגענעם תהום, ווו יעדע האַנדלונג ווערט טראַגיש, וועט אונזער יידישער פערז איצט ווערן אויסגעשליפענער רעפליק צו נייער „האַנדלונג", צו פרישע דערלעבטע באַוועגונג — דאָס געהאַמעוועטע טעמפּע אין אונז וועט אויפגעפּענטעט ווערן ווי ביי אַ קרבן נאָך דער שחיטה — — —

טויזנטער יאָרן ווי מיר חזר'ן אַלץ איין מיט זיך און מיט דער וועלט יענעם הימלישן מלאכישן רעפליק: „אַל תשלח ידך אל הנער!" אַזוי אַז מיר אַליין זיינען שוין דאָס שעפעלע געוואָרן, נישט נאָר דאָס פאַרשטויסענע און כסדר געשאָכטענע — אונזער פערז האָט דעם מעלה גירה'שן ריטם „אין מאָל" שוין באַקומען! דערפאַר איז די פעסטע דראַ־מאַטישע נאָך נישט קיין גאַנץ אייגענע: טויזנטער יאָרן הכנעה, מיט מה־יפיתדיקע פאַלקס־טענץ און כל־ערליי דבוקישע חתונה־טענץ, גע־ניגן נישט פאַר קאָמעדיע — עכטע גרויסע קאָמעדיע איז נאָר רעאַליס־טישער אויסגאַנג, איבער־צייטיקע, שוין פריער געשאַפענע, מאָנומענ־טאַלע טראַגעדיע — — מיר אָבער, מיר זיינען נאָך אַליין די שאַפנדיקע פאַרעם, אינערליכע עבודה בפני ובפנים — אונזער בלוט ווערט נאָך געשפּרענקעלט אויף אַלע פיר זייטן פון דער וועלט — — —

אָבער דאָס־אָ, וואָס ס'טוט זיך אַצינד דאָרט אין אונזערע היימען, דאָס גרויליך־טראַגישע צווישן די געטאָ־ווענט — די בלוטיקע רעאַלי־טעט איז שוין נישט מער עבודה — ס'איז ברוטאַלע אכזריות!! און די העלדישע אויסגעהאַלטנקייט דאָרט איז שוין מער ווי מאַמעדיקער סענטימענט — —

און אויף דער אַנדערער זייט, ווו דער קאַמף גייט אויף טויט און אויף לעבען, ווו דער יידישער רויט־אַרמייער העלפט מיט־אויסטראַגן אַ נייע בעסערע וועלט אויף בלוטיקן שפּיץ־מעסער, איז דאָס נישט נייער ספּעציפיש פאַר מענליכן כאַראַקטער אונזערן? פאַר אונז, וואָס יידישע געשיכטע, יידיש טאָג־טעגלעך לעבן און אונזער נייע פאָרמונג איז אַלץ איין און דער זעלבער אימינענטער המשך פון אונזער קאָוזאַלער עקזיס־טענץ.

2

און דאָס־אָ איז איינגנטליך איינס פון אונזערע עיקרים, וואָס מיר אַליין האָבן פון אונזערע שאַפונגען אַרויסצולערנען: סוף־כל־סוף מוז דאָך זיין פאַראַנען אַ גוטסקייט אין יעדער מענטשליכער בריאה, און אַ חסד אין יעטוועדענס האַרץ, אַז מיר, אַ געיאָגט און געהעצט פאָלק, אָן אַ פּיצל באָדען און זיכערקייט אונטער אונזערע פיס, האָבן מיר דאָך, אויף עפּעס וואונדערליכע און איבערנאַטירליכע אופנים, דאָך געפונען דאָס ביסל אומבאַדינגט נויטיקע מנוחה אונזער אייגנאַרטיקע פאָרמען אַרויסצוברענגען און צו באַשאַפן. דאָס־אָ איז דאָך נישט נאָר אַ בלויזער באַווייז פאַר אונזער קולטור־ווילן און שעפערישן גייסט, נאָר עס גיט דאָך, קודם כל, אַ גרויסן קרעדיט צו די אַלע פעלקער צווישן וועלכע מיר וווינען און וואַנדערן —

און איז דאָס נישט דער גרויסער זין און אויך דער גרויסער זכות פון אונזער נע־ונד זיין: דעם גלויבן אין מענטש צו קענען האָבן, די אַבסאָלוטע אמונה אין זיין גוטסקייט און אין זיין חסד, און איהם אַליין, דעם איצט אַזוי פאַרצווייפלטן גייסטיקן אייראָפּעישן מענטש, די אמונה אין זיך אַליין צו קענען מאַכן גלויבן? איז דאָס נישט די גרעסטע באַלוינונג, די וואונדערליכסטע מתנה וואָס מיר קאָנען איצט געבן צו די איצט אַזוי מטושטשע, אייראָפּעאישע פעלקער?

און אַז דאָס וועט אונז געלונגען, זיינען מיר עס זיכער! טראָץ אַלעם, וואָס ס׳געשעט איצט לגבי אונז און ס׳קאָן נאָך חלילה ערגערס געשען — מיר זיינען צו אַלצדינג צוגעגרייט און געפעסטיקט אין זיך; מיר זיינען באַוווסט אין אונזער שווערער אויפגאַבע און אין איר אַבסאָ־לוטער לעבענס־נויטווענדיקייט. ס׳איז נישט עפּעס אַ געקינצלטע רעפאָרם־מיסיע, וואָס מיר טראָגן־זי־צו צו די פעלקער, אַ „אתה בחרתנו״־קאָמפּלעקס פון שוואַכע און גייסטיק צוריקגעשטאַנענע — עס איז אונזער געפאָרמט לעבן גופא, אַ גייסטיק פאָלק צווישן גייסטיקע פעלקער, וועלכעס איז אויסדרוק און סימפּטאָם און געשטייגערט צו הייליקן סימבאָל: אַז מיר די דערנידריקסטע און באַליידיקסטע קענען נאָך זען הימל איבערן קאָפּ און שפּירן ערד אונטערן וואַקל פון אונזערע

געהעצטע שריט, מוז דאָך שוין זיין עפּעס אַזוינס, וואָס שוועבט איבער די הימלען און אַ זוכעניש אין די טיפסטע טיפענישן.

די פעלקער צווישן וועלכע מיר לעבן, צווישן וועלכע מיר שטייען אַזוי פיל אויס (פון אייגענער אומבאַהאָלפנקייט און, נאָך מער, פון תמיד זיך ווידער צעפלאַמטער אייפערזיכטיקער ליידנשאַפט), קאָנען דאָך גאָרנישט זיין אַזוי שלעכט און מאוס, אַז מיר האָבן געקאָנט, ווינענדיק און וואַנדלענדיק צווישן זיי שאַפן אַזוי פיל גוטס און פאָרמען אַזוי פיל שיינס. ס'איז מער ווי אַ הונדערטיאָריקע פאַרגאַנגענע מיט באַדינגונגען, עמאַנציפּאַציע... און אַ גרויסמוטיקע גלייכבאַרעכטיגונג, וועלכע מ'זאָגט אונז צו אַצינד פון אַלע זייטן...

דאָס איז, וואָס מיר האָבן אַרויסצולערנען פון אונזערע שוין פאַראַנענע שאַפונגען! און לערנענדיק דאָס און איינחזרנדיק דאָס, וועט אונזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור קענען באַקומען דעם הייליקן חותם פון סינטעטישער שלימות, פון גייסטיקער קאָסמישקייט, פונקט ווי אינם פעריאָד פון אונזערע ערשטע שאַפונגען האָבן מיר עס ערשט געקאָנט ווערן מיט דעם אייביק־פאַרבענקטן, אומענדליך פאַרטרויליכן „וגר זאב עם כבש" — דער סאַקראַמענט פון יעדן גלויביקן מענטש, ביז'ן היינטיקן טאָג.

פאַר אונז וואָס יידישע מאָדערנע פאָרמונג איז עקזיסטענץ און עסענץ פאַר אונזער ווייטערדיק לעבן, — נויטווענדיקייט אויף יעדן באַדינג! — איז דאָס, וואָס ס'געשעט איצט מיט אונז, און וואָס קאָן, חלילה, קומען איבער אונז, אַזוי קאַוזאַל־נאַטירליך און אַזוי אינערליך־טיף באַוווסט, ווי דער געשיכטליכער שווערער גאַנג פון אונזער אַלטן ביבלישן פעריאָד און דעם אפשר נאָך שווערערן, שפּעטערדיקן תלמודישן.

האָט עמוס, דער האָרעפּאַשנע פּאַסטוך, געוווסט, אַז טויזנטער יאָרן נאָך זיין האַמעטנעם אַרויסשרייען די געוואַלטיקע איינפּאַכע ווערטער אין דעם ברייט־צעפּתחטן העברעאיש (זיכער דעמלט, אין זיין צייט, צווישן די קולטיווירטע אָריענטאַלישע הערן־שפּראַכן, אַ מאַמע־לשון'דיקע שפּחה שפּראַך...) וועט מען נישט איין אָריענטאַלישן פאַר־לירן געגאַנגענעם אידיאָם פּרווון אַרויסצוקאָנסטרואירן פון זיינע פאַר־אייביקטע, פון זיינע צו פעלזן־שטיקער פאַרשטיינערטע ווערטער? אַזוי מיר, מיר יידיש ריידנדיקע, מיר זיינען זיכער מיט אונזער מאַמעדיקן האַמעטנעם לשון.— ערליכע עכטע ווערטער זיינען אייביק, גייען ווי שטראַלן־וועלן אין דער אומענדליכקייט אריין — די העברעאישע שפּראַך מיט אירע ברייטע מדבר־וואָקאַלן: אהבה'דיק, תאוה'דיק חיה'יש־צעעכאָט; יידיש מיט אירע צעכאָרכלט קאָנזאָנאַנטן, כיריקדיק־

שפּיציק שטעכנדיק—מיט אויסגעשליפענעם מעסער אריינגעשטאָכענעם אינ׳ם האַלדז.

כדי אַ טויזנט־יאָריקער שאַפונג זאָל זיך קאָנען אָבשטיין פון יעדן פּסולת און הייוועץ און צו צעפינקלען לויטער און ריין, אַלץ עלטער ווערנדיק; כדי פון טויזנט־יאָריקע, איבער לענדער צעוואָרפענע און פערזענליכע ארבעטן, פון מענטשליך־אינדיווידועלע באַמיאונגען, זאָל זיך אָנקלייבן און אויסקלייבן דאָס לעבנס נויטווענדיקע פאַר אַ גייסטיקער געמיינשאַפט, — דער געטליכער בצבור פון „קול העם״!— מוז מען קאָנען שטיין פנים־אל־פנים מיטן טאָג־טעגליכן גרויליך־גרוי־זאַמסטן און מיטן טייוול זיך קאָנען ראַנגלען ביז דער מאָרגן־שטערן וועט אויפגיין. מסירת־נפש און נסיונות זיינען נויטיקע זאַכן צו הייליקן — בלוט־אָנגעזאַפּטע בלעטער צעפליען נישט מער אין ווינט, זיי זיינען וואָגיק! דער עקסטאַז פון אונזערע נביאים האָט זיך ערשט גע־וואַלטיקער איבער דער גאַנצער ערד צעפלאַקערט מיט ברענענדיקע שייטער־הויפן. אָ, און דאָס יינגלישע געזאַנג פון „שיר השירים״, אַלע טויבן פלאַטערן דאָך איבער אונזערע ברענענדיקע קעפּ. ביים דערמאָנען זיך בלויז, דאָס מעלאַרישע „אויסריידן״ פונם אַמאָליקן היימישן חדר.

יאָ, דאָס כסדרדיקע איינחזרן פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק, דאָס שפּילן זיך אייביק מיט דער געפאַר, מיט דעם מאָנאָטאָנעם גריזשען ווי שעפּעלעך אויף אַ פּאַשע; אפשר טאַקע, דאָס כסדר אַרויסמייקענען פון די בני מעים און נאָכאַמאָל קייען און ווידער אַלץ איבערקייען, ס׳איז גלייכער ווי ווערן אַ רויב חיה, ווי ווערן אַ פליישׂ־עסנדיקער וואָלף — בעסער פאַרציקט ווערן, ווי חלילה אַנדערע צו פאַרציקן! אָ, וויפיל דאָן־קיכאָטישע העלדישע אַוואַנטורע ס׳ליגט שוין אין אַזאַ שוואַכקייט. אָבער וויפיל געפאַר אויך פאַר׳ן לעבעדיק־שעפערישן עכטן וואָרט: קאָן מען דען נישט מעלה־גירה׳ן אַ וואָרט ביז אַ איבלדיקייט? איז דען נישט די זעלבע געפאַר איצט אין אונזער מאָדערנער יידישער דיכטונג, ווי ס׳איז דער פאַקט אין די חז״ק־קינות און יוצרות׳דיקע פּזמונים פון מיטל־אַלטער?

ווי ראָמאַנטיש־סענטימענטאַל איז דאָס געוואָרן דאָס „אייביקע״ מאַמע־ליד אונזערס — ווי טרערנדיק פאַרוואַסערט!— קוקן מיר איצט אַרויף, נישט נאָר ממעמקים, צו אונזערע געקוילעטע און געשאָכטענע, נאָר אויך צו יענע העלדיש־קעמפנדיקע מיטן אויסגעשטרעקט מעסער אין האַנט, פון ווו דער מלאכיש הימלישער רעפליק זאָל זיך צבאות׳דיק־מענלעך דערהערן, מיט דערבאַרעמונג און גנאָד.

אָ, אַז מיר דערמאָנען זיך מאַנכע „פּסוקים״ פון אונזערע פאָלקס־לידער, נאָך פון אונזערע לעצטע, אפילו, פון וואַרשאַווסקי און שאַפּיראָ,

ווערן נישט אונזערע הערצער אויפגעצאַפּלט און היי־ליק, פול מיט מענטשליכן פאַרטרויען, פול מיט גוטסקייט און גלויבן צו יעדער בריאה? האָבן מיר נישט אויסגעקאָרמעט אַ „ווייס ציגעלע" מיט לויטער „ראָזשינקעס און מאַנדלען"? יאָ, און מיטן נאַטירליכן און עכטן אָבקלויב פון אונזער מאָדערנער עפּיק און ליריק, שוין געשאַפּענע און זיך ווייטער שאַפנדיקער, מיר וועלן זיך פאַרטיפן ווי אין די רבי שמעון בן יוחאי־מערות צו די טיפסטע טיפענישן, חדוהדיק־אויפצולאַכן מיט פלאַטערדיקע הערצער אין העכסטע הויכן. אָ, ווי הויך און ווי דער־דריקנדיק די געטאָ־מויערן זאָלן נישט זיין איצט איבער אונזערע שטעט און שטעטלעך — —

נישט ווייניגער ווי יענע בשורה־טויבן פון נח'ס תיבה אַרויס, ווי יענע וואָרנעס, וואָס קומען אליהו'ן שפּייזן, נישט ווייניגער איז דאָס פייגעלע, וואָס קומט „דאָס שטעטעלע־באָקוקן". — יאָ, און „נישט דאָס קליינע פייגעלע" „ווי איר שיין פליען" — וויפיל הייליקע הכנעה פאַר דער געהיימער השגחה, וויפיל געהויבענע עניוות פון אייגענעם דערשטיקטן געפיל און די גערויטלטע פאַרשעמטקייט פון אַ פאַרלאָזן הארץ אין יעדן וואָרט און אין די זיסקייט פון יעטווידן טאָג.

פון די צאַרטסטע הארצנס פעדעם איז געשפּינען דער טאָן־לייטער פון אונזער ערשטן פאָלקס־ליד; און די צו איין שיינקייט זיך שוועבנ־דיקן שתי־וערב־דרימען פון בענקעניש, און פון לייד זיינען די פאַרוואָר־פענע פעדעם אויף אונזער וועבנדיקן בראָך־שטול און אונזערע הערצער — די „שיפעלעך" — געשליידערט אַהין און אַהער.

אויף כף־הקל אַזוי געשליידערט איבערן גאַנצן כדור־הארץ! און איצט, ווען די גאַנצע ערד איז אויפגעעפנטער חיהשער פּיסק אַלע מענטשן איינצושלינגען, שטייען מיר מיט די שאַפנדיקע פון אַלע פעל־קער: די אייגענע טויט־פחדים — די תהומישע ווידער־קולות אין אונ־זערע האָפּערדיקע הערצער; און אונזערע לייבער, יאָ, די קנאָביקע סקע־לעטן נאָך — די געשניצטע פאָרמען פאַר דעם גליאיקן בליי, וואָס ווערט אַזוי פיל געגאָסן איצט איבער דער גאַנצער וועלט.

יאָ, מיט די שאַפנדיקע פון אַלע פעלקער שטייען מיר אַצינד, דעם טויט אין די אויגן קוקנדיק, יעדע גרויליקסטע געפאַר מיט אוואַנטורים־שאַפונגס־לוסט אויפנעמענדיק: דעמלט הערט אויף יעדעם געקינסטל־טע, יעדעם נאָכמאַכערישע (סענטימענטאַלע שוואַכקייט און קרענקליכע באַרימטקייט...) געפאַר מאַכט עכט און נאַטירלעך! יאָ, דאָס שעפעלע הערט אויף דעמלט מורא צו האָבן פאַר'ן וואָלף — עס איז דער העלדי־שער באַראַן דעמלט אויפן העכסטן פעלזן־שפּיץ! עס באַהאַלט אויף אייביק דאָס בלאַנקע מעסער אין זיין וואָל, פאַר זיין אייגענער אומ־שטערבליכקייט.

סוף־כל־סוף וועט מען מוזן דערזען, וועלן פאַרהדושטע פינגער מוזן אָנווייזן, און „ווער ס'האָט נאָר אַ ליבע געפּירט" וועט עס מוזן פילן,, וואָרים אונזער פאָרם אויסדרוק אין שאַפן איז נישט נאָר סימפּטאָם פון אונזער קולטור־ווילן און גייסטיקע אייגנאַרטיקייט, נאָר זי איז היילקער סימבאָל פון מענטשליכער גוטסקייט און גנאָד, וואָס ווינט אין יעדן הארצן, און ווי ברענעדיק דער בלוטיקער חותם זאָל נישט מוזן זיין צו שלימות און מענטשליך־גייסטיקער קאָסמישקייט, מיר זיינען גרייט מיט אונזער לייב און לעבן.

# אינהאלט


ערשטער טייל . . . . . . . . 3

יידיש . . . . . . . . . . . . . 9
אונזער פאָלקס־ליד און אַלטע מעשה . . . . . . 15
יצחק יואל לינעצקי . . . . . . . . . . . 20
מענדעלע מוכר ספרים . . . . . . . 26
יצחק לייביש פרץ . . . . . . . . . . . 31
שלום עליכם . . . . . . . . . . . 37
צום 80־טן געבוירן־טאָג פון שלום עליכם . . . . . . 40
אַברהם גאָלדפאַדן . . . . . . . . . . 45
דער פּייזאַש פון דער ביבל און פון דער מאָדערנער ליטעראַטור . 53
י. מ. ווייסנבערג . . . . . . . . . . . 72
שלום אַש און דוד בערגלסאָן . . . . . . . . . 79
אַרויסגעפאַלענע שטעלן פונם קאַפּיטל „מאָדערנע ליטעראַטור“ . 87

צווייטער טייל

דאָס געפּאָרעמטע וואָרט . . . . . . . . . 93
איבער ליריק . . . . . . . . . . . 105
דאָס 80־טע געבוירן־יאָר פון מאָריס ראָזענפעלד . . . . 114
דער נייער טאָן . . . . . . . . . . . 123
דער ווייטערדיקער גאַנג פון יידישן שאַפן . . . . . . 129
די פינפט־ און צענט ראַנגיקע . . . . . . . . 138
דער זין פון אונזער שאַפן . . . . . . . . 142
דער סימבאָל יידיש . . . . . . . . . 147

די געפונענע פעלער און אַרויסגעלאָזטע שורות, וואָס זיינען נייטיק אויסצובעסערן:

| זייט | שורה | מוז זיין | נישט |
|---|---|---|---|
| 27 | 4 (פון הינטן) | איז | אין |
| 78 | 7 | מאַטעריע | מאַלעריע |
| 80 | 31 | בעסערע | בעסער |
| 85 | 1 | מוז אַרויס דאָס וואָרט אַז | |
| 95 | 10 (פון הינטן אַרויף) | פעלט דאָס לעצטע וואָרט ויהי־רחומדיק | |
| 111 | 3 | זי, חבלי־לידהדיק | יעדע קולטור |
| 113 | 8 | אַרויסגעפאַלענער זאַץ: יאָ, ס׳איז נאַטירליך אַז אויף דער רייזענישע קנאָכיק־דאָרניקע רעאַליטעט פון יידן, פאָלגט נאָך די לייוויקישע סקאַלעטישע אַסקעטישקייט — ס׳איז פיזיש־פאַרפייניקטער עקשנותדיקער אויסדויער, פאַר־גייסטיקט צו חבלי־לידהדיקע קאָנטיניואיטעט פון יידישן שאַפן. | |
| 120 | 13 (פון הינטן) | אָבער | |
| 132 | 11 | אַרויסגעפאַלן: דוד פינסקי און פרץ הירשביין | |
| 132 | 13 | אַרויסגעפאַלן: און אפשר גאָר די שוין צו גלאָריפיצירנדיקע גאָרדאָניאַדע! | |
| 110 | 7 | נאָך גאָלד: פאַר דעם גין־גאָלדענעם קלינגנדיקן בעקן. | |
| 137 | 11 | סוף שורה: מוז אַרויס דער קאָמאַ | |
| 139 | 7 (פון הינטן) | מוז זיין אַ פונקט נישט אַ קאָמאַ | |
| 139 | 9 | מוז זיין אַ קאָמאַ נישט אַ פונקט | |